Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

הייגט 16 זייטען

לאדזשער פאלקסבלאט

№ 183 | Łódź, Piątek 7 sierpnia 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג כ"ד מנחם אב תרצ"א | № 183

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

מזל טוב

א הארציגען מזל טוב אונזערע בעסטע פריינד

הוה'טשע און מאקס ליפשיץ

צום געבורט פון זייער זוהנדעלע און ווינשען א גרינגע ערציהונג.

יהודית שוואלבע
חיים זינגבאנד און פרוי
ישראל צווייגענבערג (ראדאם)
ישראל וואלדמאן, ברוך גליצענשטיין
הערמאן קליינמאן

4257

„MANTEUFEL" גארטען

זאכאדניא 45

היינט און טעגליך 10 אווענד

גרויסער אטראקציע = שלאגער = פראגראם!

אלס צום ערשטען מאל אין לאדז!

בעריהמטער יודיש=אונגארישער טאנץ=דועט

SISTERS SUGAR אויסגעפיהרט פון

GARIBALDI און די בעקאנטע איטאליענישע טענצערין

RIDI RENE בעריהמטע פוילישע טענצערין

זונטאג און יום-טוב פון 7-5 אוו. Five o'clock מיטן פולען פראגראם

איינטריט 50 גר.

בעקאנטמאכונג.

זונטאג, דעם 2-טען יולי 1931 איז פארגעקומען די גענעראל-פערזאמלונג פון פרובטען= און געמיזע=פעראיין מלינארסקא 9.

עס איז געוועהלט געווארען א נייע פערוואלטונג: פרעזעס–איטשע טייטעלבוים, וויצע – מענדל רעכט, קאסירער – שמואל נאלד=פארב סעקרעטאר – ישראל מיענדזיגורסקי, בעריש יאמע, אברהם אלטמאן און טוביה פארנאמענט קאנדידאטען לייזער שפירא, איסר יארקיעוויטש און יעקל ווינער, אין דער קאמיסיע צו ערלעדיגען סכסוכים ביים קויפען סחורה זענען אריין די ה"ה: בעריש יאמע, אלחנן פייטלאוויטש און אלחנן האנדעלסמאן.

עס איז אויך פארגעקומען די גענעראל-פערזאמלונג פון דער סעקציע פלאך=הענדלער און עס איז געוועהלט געווארען א נייע פערוואלטונג פון די ה"ה: פרעזעס וואלף לייבאוויטש, וויצע משה פאקין און אבע לייב ווייצמאן.

4253

ייִן כשר

אויב איהר האט נאך נישט געטרונקען דעם בעוואוסטען ראזינען-

וויין „פראגרעס" № 7

דאן איבערצייגט אייך, אז איהר בערויבט אייך און אייער פאמיליע הנאה צו האבען פון גוטען וויין, וואס קאסט זעהר ביליג.

צוליב רעקלאמע פערקויפען מיר א פלאש פון א ¼ ליטער

גוטען ראדזינען

ווייז נ' 7 באר 65 גראשען

א באטשינקע דעם זעלבען נומער **1.50 זל. • א קווארט 2 זל.**

אלע סארטען ווינען פון דער פירמע „פראגרעס" איז צו בעקומען

ביי ח. בלאנקעט, גלובנא 69 אין וויין-געשעפט.

לעדיגע פלאשען צאהלען מיר 5 גר. פאר ¼ ליטערדיגע, צו 10 גר. פאר באטשינקעס און קווארטעגע. ביים אכטונג

וויין= און מעהד=פאבריק פירמע „פראגרעס"

אלטער מארק 2, טעל. 184-82

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז מאנטאג דעם 10. אויגוסט 1931 6 אוו. קומט פאר אין לאקאל פון 2-טען קליינהענדלער-פעראיין אלטשטאט 10

א מאסען=פערזאמלונג

פון אלע טיטענמאכער אין לאדז מיר בעטען פינקטליך צו ערשיינען

מיט אכטונג די ארגאניזאטאר=קאמיסיע.

ד. ראטער, ע. ליבערמאן, מ. ח. סאלארזש, י. פ. לענטשיצקי, מ. רייזמאן, ש. רובינשטיין, י. פרימערמאן, פ. רובינשטיין.

Z intencji zaręczyn panny **Feli Geczyńskiej** z panem **Maksem Guzą** wiele szczęścia i różowej przyszłości życzą

Sala i Chaim Grosman

א גליקליך צוזאמענלעבען ווינש איך מיין פריינד

יצחק ווייסבערג

מיט פרל' לובא קאפערמאן

צו זייער חתונה, וועלכע איז פארגעקומען דעם 2 אויגוסט 1931.

שמחה פערדער

מאשיך = מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע

ווי אויך מצה=מעהל. אייער=פערפעל

און סוכארקעס לויט קארלסבאדער סיסטעם

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בעקאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראל בעוואוסטער **צוקערביע**

נ. ווײַנבערג

38 פיעטריקאווער 38

:–: טעלעפאן 143-82. :–:

אכטונג! עס ווערען אויך ארויסגעגעבען

פריהשטיקען, אווענד-ברויטען

ווי אויך **יארסקע מיטאגען**

פענסיאנאט

פאר קינדער

אין קאלי

צוזיסאהרען פון באלוטער פלאץ מיט'ן אלעקסאנדער טראמוויי) אין א הערליכער טרוקענער געגענד אין דער ווילע פון ה' גאלדבערג, זארגפעלטיגע אויפזיכט. קינדער ווערען אנגענומען פון 5 יאהר. אינפארמאציעס אויפ'ן ארט אין דער ווילע פון ה' גאלדבערג

Dr. J. Szreiber

צוריקגעקעהרט

טעלעפאן 122-95.

Dr. MED.

J. PIK

ul. Żeromskiego 36

ביים גרינעם מארק

טעל. 175-50

נערוון און אינערל. קראנק. ספעצ. פון פסיכא-נערוועז. נעהמט אן פון 5½–7 אוו.

א ווילע

צו פערקויפען

אין נאווי-אטוואצק, גלאוונא

בעשטעהענד פון 19 שטובען אין בעסטען פונקט. 3,500 מעטער וואלד. אפערטען אין אדמ. אונזער „ווילע".

4222

בעקאנטמאכונג

דערמיט ווערט בעקאנט געמאכט, אז מיינע פיליאלען פון מיין אייגענער פאבריקאט פון

ביעלסקער טוך, קארט

מאדע-אנצוגען און מיליטער-וואארען

פון די בעסטע קוואליטעטען

עמפפעהלען זיך דער געעהרטער קונדשאפט

M. STEIN, BIELSKO

Oddział w Warszawie Gęsia 5, front | Oddział w Łodzi Piotrkowska 33, front

קוראטאריום פון די בית-יעקב-שולן אין לאדז,

שרודמיעסקא 32 (פריהער צעגעלניאנא 3)

דאס קוראטאריום פון די בית יעקב-שולען אין לאדז מאכט בעקאנט, אז פון נייעם לערן-יאהר אן ווערט געעפענט אינ'ם שול-לאקאל (שרודמיעסקא 32

א העכערער לערן=אנשטאלט

מיט א רייך לערן-פראגראם פון יודישע און וועלטליכע לימודים, פאר די קינדער, וואס האבען געענדיגט די 7-קלאסיגע עלעמענטאר-שול פון בית-יעקב און ווילען זיך ווייטער פערפולקאמען אין יודישער און וועלטליכער בילדונג.

עס ווערען אויך געעפענט **האנדעלס=קורסען**

מיט א פולשטענדיגע לערן-פראגראם פון א האנדעלס-שול, וואס וועט ארומנעהמען אלע לימודים פון דער האנדעלס-וויסענשאפט.

גלייכצייטיג זענען מיר מודיע, אז אין דער פרעבעל-שול און אין די פארמיטאג- און נאכמיטאג-שולען און אויך אויף די אווענד-קורסען, זענען נאך פערבליבען א בעגרעניצטע צאהל פלעצער.

די איינשרייבונגען האבען זיך אנגעהויבען פון זונטאג דעם 1-טען, שערפיען, יעדען טאג פון 10 ביז 2 נאכמיטאג און פון 5 ביז 7 אווענד, אין דער שול-קאנצעלאריע

דאס קוראטאריום פון די בית-יעקב-שולען אין לאדז.

אונזער חשוב'ן שטף ה' **משה לוזער רעגענסבערג**

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכען זוהן

נ"ע פייוויש

דריקען מיר אויס איניגסטען מיטגעפיהל מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

דאס פערסאנאל

פון דער פירמע מ. ל. רעגענסבערג

Dr. med. **J. BETTE**

ספעציאל-ארצט פאר אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען

Piotrkowska 6, telef. 148-95

נעהמט אן פון 8–11 פריה און פון 4–6 נאכמ.

Dr. med. **W. Eychner**

גינעקאלאג-אקושער

זגערזשער 11

טעלעפאן 134-72

נעמט אן פון 3–4 נאכמ. און פון 7–9 אווענד.

לעזט! און זאג א צווייטען!

דערמיט מאך איך בעקאנט, אז פון נייעם שול-יאר ווערט דורך מיר געעפענט א

7-קל. העכערע רעליגיעזע

טעכטער = שולע

אין א גרויסען היגיענישען לאקאל אויף

באד=לודקע 12

לויט די לעצטע טעכנישע און פעדאגאגישע דערגרייכונגען.

אין דער שולע וועט זיין טעטיג: 1) א **פרעבעל=שול** פאר קינדער פון 4–7 יאהר; 2) האנדעל און ווירטשאפטס-קורסען; 3) א בית-חנוך ליתומות אויפ'ן נאמען פון דער פערשטארבענער פרוי רייזעל ווערדיגער ב"ע – אין דער דאזיגער שולע וועט אייער טאכטער בעקומען אן עכט-יודישע רעליגיעזע, עטישע און פראקטישע אויסבילדונג.

איינשרייבונגען ווערען אנגענומען פון 1-טען יולי ד. י. טעגליך פון 10–12 און פון 4–7 אין קאנצעלאריע פון דער שולע.

מיט אכטונג **י. ב. קאמיעניעץ,**

גרינדער פון די בית-יעקב-שולען אין לאדז

3672

Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927 r.
Zastępca: S. B. Redlic, Łódź, Południowa 86.

אכטונג, בערשטען-סוחרים!

דערמיט מאך איך בעקאנט דער לאדזער בע־פעלקערונג ווי אויך אלע סוחרים, אז צוליב דער בעקוועמליכקייט פאר די לאדזער בעפעלקערונג און סוחרים פון לאדז און פראווינץ האב איך געעפנט אנ׳אייגענעם

בערשטען - ווערקשטעל

אין לאדז אויף אגראדאווא 12 אין געוועלב פון אלע פערשידענע אויסארבייטונגען וואס געהער צום בערשטען־פאך.

איך פערקויף אויף די בעסטע בעדינגונגען. די ג׳ קונדשאפט ווערט געבעטען מיין ווערקשטעל צו בעזוכען.

מיט אכטונג

אשר גרינבוים

לאדז, אגראדאווא 12.

4285

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין אינניגסטן דאנק דעם פרעזעס פון פוטער־הענדלער־פעראיין **שמואל גענעראוויטש** (בזשעזשינער 17) פאר זיינע בעמיהונגען ביים אויסגלייכען דעם סכסוך מיט׳ן ווירט ראשאס.

פייגע זאקס, קילינסקיעגא 71.

ווערקשטעל

פון שירמס

און שפאציר־שטעקענס

ס. פייגענבוים

לאדז, נארוטאוויטשא 19

עמפפעהלט אין א רייכען אויסוואהל פון קאלירטע דאמען־ און מענער־שירמס און שטעקנס צו קאנקורענץ־פרייזען

נעמט אן אלערליי רעפעראטורן פון שירמס און שטעקנס

יעדער איינציגער

האט זיך איבערציינגט, אז פאר

מעבעל

דיוואנעס, פעלצען, נייה־מאשינען, גארדעראבען או״וו צאהלט די העכסטע פרייזען

א. ווייצמאן

שענקעוויטש 23

טעלעפאן 191-00.

ביי מיר איז שטענדיג פערשידען געניצט מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

פאדערט פאר קאנפעקציאן

וואטעלין

צו בילינע פרייזען ביי

Act. Ges. R. LIPSZYC

Łódź, Piramowicza 11/13.

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפעראציע, אן בלוט. אהן א מעסער און אהן בלוט־פערגיפטונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל־בראך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען־קאפ, אדער אזוי ווי א וואסער־קען און עס פאלט ארויף אין דעם פוס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדריי׳ען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטארבליך. ספעציעל גוטע היילבאנדאזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסאר׳ען מיט מיינע בע־האנדלונג און פון דייטשן פראפעסאר דאקטאר ברעכורעוויץ בעוואוינען זיכער דעם שוערסטן און געפעהרליכסטן ברוך, אויך פאר הויקערס ליימונגען מיט היילגארטעלען און אפאראטן פאר פערקרומטע פיס און פלאטס־פוס מפעציעלע אמגלאגען אין די שיך. קינסטליכע גוטע פיס און הענד, גומענע זאקן פאר די גרעסטע קראנקע אדערן.

עמפפאנגט פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אוונט.

ארטאפעדישע אנשטאלט

Specialist J. RAPAPORT Ortoped

von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,

tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונ־בעדינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזי־טעטס־פראפעסארען: פראפ. ד״ר באראנטש, פראפ. דר. י. מא־רישלער, פראפ. ד״ר בר. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע.

מיר נעהמען אויך אן טערויזבערטע פון דער קראנקען־קאסע.

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס דעם בעסטען דאנק דעם הערן דיר. י. ראפאפארט, ספעצ. פאר ברוך, וועלכער געפינט זיך אין לאדז, וואלטשאנסקא 10 טעל 22-177 פראנט פארט פאר זיין בעהאנדלונג פון ברוך. איך פערלייגן מיר א גומע־נעם הייל־באנדאזש לויט זיין מעטאדע האב געליטען אויף ברוך 20 יאהר און א דאנק איהם בין איך היינט געזונט, אז איך קען איהם יעדען אינצייגען חסם עמפפעהלען.

Dr. BERGHOF Arzt.

גאסטראלען פון דער

ווילנער טרופע

XVI יאר XVI יאר

15־יעריקער יובל־טורנע אנפ. מ. מזאה.

לאדזשער שטאט־טעאטער

היינט פרייטאג 9 אוו., מארגען שבת 4 נאכמ. און 9 אוו.

יובל־פארשטעלונג

„200.000"

(דאס גרויסע געווינס)

פאלקס־שפיל אין 4 אקטען ∴ פון **שלום עליכם**

פערזאנען:

שימעלע סאראקער — שמחה נאטאן	ווינגראמשיק — נחום מעלניק
עטי מעניע — העלענע גאטליב	יוכבד די סויד — דבורה ראזענבלום
בילקע — אסתר גאלדענבערג	הימע׳פארב — שבתי בריטבער
מאטעל קאמאי — גרשון לעמבערגער	אסקאר סאלאמאנאוויטש פון
קאפעל פאלבען — משה פאטאשינסקי	גערטרודע וולאדימיראווגא פון
סאלאוויטשיק — שמואל לאגדוי	סאלאמאן אסקאראוויטש פון ∴
פערל די מיטניטשקע — נעמי נאטאן	רובינטשוק
קאלטון — נחים מעלניק	מענדעל דער לאקיי

רעזשי: י. ראטבוים דעקאר. און קאסטיומען: אנדזשיי פראנאשקא מוזיק: ה. קאן. דיריגירט: דוד בייגעלמאן. לידער־טעקסטן: מ. בראי־ערזאן. טענץ: לאה ראטבוים

„ESTOL"

בעזייטיגט **אדטשיסקעס** מיט׳ן ווארצעל בערוהיגט דעם וועהטאג

פרייז פון 1 פלאסטער 30 גראשן. צו בעקומען איבעראל.

Dr. med.

Łagunowski

Piotrkowska 70

i róg Traugutta

Tel. 181-83.

POWRÓCIŁ

Specjalista chorób skórnych, wenerycznych i moczopłciowych

Leczenie światłem: promieniami Roentgena i lampą kwarcową.

Przyjmuje od 8^{30} do 10^{1} rano, od 1-ej do 2^{30} pp od 6 do 8^{30} w., w niedzielę i święta od 10 pd -ej. Dla pań oddzielna poczekalnia.

Dr. D. FRID

ספעצ. פאר אינערליכע און קינדער־קראנקהייטען

Sienkiewicza 37, tel. 224-78

נעהמט אן פון 9—11 פארמ. און פון 1—2 נאכמ.

DR. MED.

Grzegorz Rosenberg

ספעציאל־ארצט פאר מאגען, קישקע, לעבער און אינערליכע קראנקהייטען

גראנסקא 44, טעל. 224-44

נעמט אן פון 5.30—7 אוו. זונטאג און י״ט פון 10—12

„Praca"

פרויען־פאך־קורסען

ביי דער געזעלשאפט צו פערשפרייטען פאך־קענטעניסען צווישען יודישע פרויען וואלטשאנסקא 21, טעל. 167-15.

נעהמט אן איינשרייבונגען אויף פאלג. אפטיילונגען

1) דאמען־שניידעריי,
2) האנד־שטיקעריי,
3) הוטען־פוצעריי,
4) וועש־ארבייט,
5) אנדולאציע,
6) מאניקור.

דער סעקרעטאריאט איז טעטיג פון 9—1 נאכמיטאג.

Dr. med. **H. Gutsztadt**

ספעצ.־ארצט פאר אקושער און פרויען־קראנקהייטען

Zachodnia 62

(Śródmiejska 14). Telef. 129-52 טעלעפ.

נעהמט אן פון 9 ביז 10 און פון 5 ביז 7.

Dr. MED. **H. LUBICZ**

ספ. פאר הויט, וועגערישע און געשלעכטס־קראנק.

צענעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. **13-142**

עמפפאנגס־שעה׳ן 8—10, 12—2, און 5—8, זונטאג און יו״ט 9—1, פאר דאמען בעזונדערער ווארטע־זאל.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים־ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

גאר פאר וועגערישע הויט־קראנקה. און מענער־שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא־לאגישע און נערוועז־קראנקהייטען. קווארץ־לאמפ. עלעקטרישער הייל־קאבינעט קאסמעטיק.

—— טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אוונט. ——
פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ. נעמט־אן א פרוי־דאקטאר נור קינדער און פרויען זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
— בעזונדער ווארטע־צימער פאר פרויען —

וויזיט 3 זל.

DR. MED.

L. Pkielny

אוראלאג

ספעציאל־ארצט פאר נירן, בלאז און אורין־קראנקה.

NAWROT 8, tel. 2,19-90

נעהמט אן פון 4—7 אוונד.

ד״ר ראבינזאן

פאדעמביע

גראנד־פענסיאנאט

נעהמט אן א גאנצען טאג.

Dr. med. G. GERSZTAJN

ספעציאל־ארצט פאר אויגען־קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

טראגוטא 12, טעל. 175-10.

נעהמט אן פון 11—1 און פון 7—8 אוו. 4157

Dr. med. **J. LUBICZ**

כירורג־ארטאפעד

פאלודניאווא 9. טעל. 183-17

צוריקגעקעהרט

קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער אייגענע פראצאווניע פון וועמטליכע ארטאפעדישע אפא־ראטן ווי: ווקלאדקעס אויף פ׳אטפוסען, קינסטליכע הענד און פיס, גארסעטען א. ז. וו.

נעמט אן פון 2.30 ביז 4.30 נאכמיטאג.

Dr. Z. Rakowski

פאר אוירען, נאז, האלז און לונגען־קראנקהייטען

9 קאנסטאנטינער 9 טעלעפאן 127-81

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לאפשניצע זגערזשער 17 פון 10 — 11 און פון 5—7

DOKTOR

H. WOŁKOWYSKI

צוריקגעקעהרט

צעגעלניאנא 4, טעל. 216-90

ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און וועגערישע קראנקהייטען, מענער־שוועכע, אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען.

נעמט אן פון 8—2 און פון 5—9 אוונד.

בעזונדער ווארטע־צימער פאר פרויען.

אויסארבייטונג פון

לייסטן צו ראהמען און טאפעטן

זאווי איינראהמען בילדער

„ARTORAM"

ŁÓDŹ. PIOTRKOWSKA 105.

רעגירונג וועט אפשטעלן
די ירידה פון די תבואה-פרייזען

וואַרשאָ, 6. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט). פרעמיער פריסטאָר האָט נעכטען אויפגענומען דעם פרעזעס פון ערד-בעזיצער-פערבאַנד פירשט לובאָמירסקי.

עס איז גערעדט געוואָרען וועגען די ירידה פון די תבואה-פרייזען.

דער פרעמיער האָט צוגעזאָגט אונטערצונעהמען אַנ'אַקציע געגען דער דאָזיגער פרייזען-ירידה, צו דעם צוועק ווערען שוין פאָרגענומען אַ רייהע שריט, ווי אַנ'אינטערווענץ פון מלוכהשען תבואָה-אַנשטאַלטען, צאָל און קרעדיט-פערלייכטערונגען א.ד.גל.

קלאַנגען, אַז גענ. סאַסנקאָווסקי
זאָל ווידער אריינגעצויגען ווערען אין פאָליטישען לעבען

וואַרשאָ, 6. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט). אַרום לעגיאָנען-צוזאַמענפאָהר, וואָס וועט פאָרקומען דעם 9 אויגוסט אין טאַרנאָוו, האָט זיך שוין אויך גענומען וועבען פאָליטישע השערות. קודם כל רעדט מען פיל וועגען דעם, צי מאַרשאַל פילסודסקי וועט אַהין פאָהרען. פון די ענדעקישע קרייזען פערשפרייט מען די השערה, אַז מאַרשאַל פילסודסקי וועט אַהין יאָ פאָהרען און ער וועט דאָרט האַלטען אַ רעדע וואָס וועט זיין מאַרשאַל פילסודסקיס עפענטליכער אַרויסטריט נאָך זיין צוריקקומען פון מאַדעראָ. דאַגעגען די סאַנאַציע-קרייזען שטעלען פעסט, אַז מאַרשאַל פילסודסקי וועט נישט פאָהרען קיין טאַרנאָוו צום צוזאַמענפאָהר ווייל ער איז שטאַרק בעשעפטיגט מיט וויכטיגע מלוכה-ענינים.

איצטער איז געקומען אַ צווייטער ענין מיט וועלכען מען בעשעפטיגט זיך אין די פאָליטישע קרייזען אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן לעגיאָנען-צוזאַמענפאָהר. צווישען די רעדנער, וועלכע זענען אַנגעצייכענט אַרויסצוטרעטען אויף דער אַקאַדעמיע אין טאַרנאָוו, געפינט זיך אויך דער נאָמען פון גענ. סאַסנקאָווסקי, אין די פאָליטישע קרייזען האָט זיין נאָמען אַרויסגערופען אַ סענסאַציע. זינט די מאַי-געשעהענישען איז גענ. סאַסנקאָווסקי געשטאַנען ווייט פון פאָליטישען לעבען, ווי מען געדענקט איז בעת די מאַי-געשעהענישען אין יאָהר 1926 גענ. סאַסנקאָווסקי געווען קאָרפוס-קאָמאַנדיר אין פויזען און האָט דאַן זיך נישט געאיילט צו קומען צו הילף דער מאַי-רעוואָלוציע, שפּעטער האָט ער געפרובט צו בעגיין זעלבסטמאָרד. ביז איצט איז דער נאָמען פון גענ. סאַסנקאָווסקי נישט אַרויסגערוקט געוואָרען ביי קיין שום רעגירונגס-קאָמבינאַציעס. איהם איז נאָר איבערגעגעבען געוואָרען אַ ריין מיליטערישע פונקציע אין גענעראַל-אינספעקטאָריאַט פון בעוואָפענטע כוחות דעריבער וואַרפט זיך איצט אין אויגען דער פאַקט, וואָס גענ. סאַסנקאָווסקי ווערט אַרויסגעשטעלט אַלס רעדנער, אין מאַנכע פאָליטישע קרייזען וויל מען דערפון דרינגען, אַז אין די רעגירונגס-קרייזען האָט מען בדעה צוריק אַריינצוציהען דעם גענ. סאַסנקאָווסקי אין פאָליטישען לעבען, ווייל אַנדערש וואָלט מען איהם נישט געשטעלט אין דער רעדנער-רייהע צוזאַמען מיט'ן פולקאָווניק סלאַוועק, גענ. רידז-שמיגלי און וויצע-מיניסטער סטאַזשינסקי.

געשאפען אנ'אנטיסעמיטישע ארגאניזאציע אין אלזשיר

פאַריז, (יט"א) לויט די ידיעות וואָס זענען דאָ דערהאַלטען געוואָרען איז אין אַלזשיר געשאַפען געוואָ"ען אַ נייע אָרגאַניזאַציע א.נ. „לאַטענס", וואָס איז דורכגעדרונגען מיט'ן היטלעריסטישען גייסט און שטעלט זיך פאַר אַ ציל צו בעקעמפען דעם יודישען איינפלוס

די נייע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבען איהר טעטיגקייט דורך פערעפענטליכען אַנ'אויפרוף צו דער לאַטיינישער בעפעלקערונג אין אַלזשיר, אין וועלכען עס ווערט צוו. אַנד. געזאָגט: דער אויפרוף איז נישט פאַר יודען. איהר לאַטיינער בילדעט די מעהרהייט אָבער איבער אייך דאָמינירט אַנ'אונפערשעמטע מינדערהייט, וואָס בעזיצט אין איהרע הענד דעם האַנדעל און אינדוסטריע און וויל בעהערשען דאָס לאַנד, כדי פערשקלאַפען אונזער פאָלק.

דער אויפרוף פון דער נייער יודען-העצערישער אָרגאַניזאַציע איז פערשפרייט געוואָרען איבער גאַנץ אַלזשיר און האָט אַרויסגערופען שאַרפע פראָטעסטען מצד דער ליבעראַלער פרעסע אין צפון-אַפריקע, וועלכע פאָדערען אָנצונעהמען ענערגישע מיטלען געגען דער אַנטיסעמיטישער בעוועגונג.

א טראגעדיע אין א טעאטער-גארדעראבע

וואַרשאַ, 6. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) אין דער גאַרדעראָבע פון דער טענצערין יאַרוויגאַ קאַרטשינסקאַ אין טעאַטער „אַנאָנאָס" האָט דער סטודענט דראשינסקי, אויסגעשאָסען אין דער טענצערין און אין זיך.

אין אַ שווערען צושטאַנד האָט מען ביידע'ן אָפגעפיהרט אין שפּיטאָל.

איבערגעפאָהרען א לאדזער אין ווארשא

וואַרשאַ, 6 (טעלעפאָניש) אויף טוואַרדאַ גאַס האָט אַנ'אויטאָ שווער-פערוואונדעט דעם לאָדזער איינוואוינער העצעל בזשאָזאַ 55 יאָהר אַלט.

לוין-רעדוקציעס אין דער קראנקען-קאסע

וואַרשאַ, 6 (טעלעפאָניש) ווי מען גיט איבער וועט אין די קראַנקען-קאַסעס אַדורכגעפיהרט ווערען אַ לוין-רעדוקציע פון די בעאַמטען-פענסיעס.

די קלענסטע פענסיע וועט זיין 60 זל. אַ חדש און די גרעסטע — 1,500 זל. אַ חודש.

עס וועלען אויך פאָרקומען ענדערונגען אויף די קאָמיסאַרען-אַמטען.

האנקו אין פערפלייצט

לאָנדאָן, 6. (טו) פון האָנקאָו איז מען מודיע אַז די דאָרטיגע פערפלייצונג האָט אָנגענומען אַ קאַטאַסטראָפאַלען כאַראַקטער.

די צאָהל מענשליכע קרבנות דערגרייכט העכער טויזענד אַ חוץ דעם זענען פופציג טויזענד מענשען געבליבען היימלאָז.

רעדוקציעס אין ווארשאווער מאגיסטראט ביז 16 מיליאן זל.

וואַרשאַ, 6 (טעלעפאָניש). די רעגירונג האָט פערעפענטליכט אַ קאָמוניקאַט אין וועלכען עס ווערען בעשטעטיגט די רעדוקציעס פון וואַרשאָווער מאַגיסטראַט.

די רעדוקציעס דאַרפען דערגרייכען ביז 16 מיליאָן זלאָטיס.

קופאן № 25

2-טע סעריע פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס — פון — „נייעם פאלקסבלאט"

כדי זיך צו בעטייליגען אין פרעמיען-קאָנקורס איז גענוג צוצושטעלען בלויז 30 קופּאָנען.

מען מעג שוין ארויסשיקען געלד פון דייטשלאנד

בערלין, 6 (ספ. טעל.) פון 8 אויגוסט ווערט צוריקגעשטעלט דאָס אַרויסשיקען געלד קיין אויסלאַנד און אין סאַאר-געביט, יעדער מעג אָבער נאָר אַרויסשיקען נישט מעהר ווי ביז 3,000 דייטשע מאַרק אַ חודש.

בעזוך פון דייטשען קאנצלער אין וואטיקאן

רוים, 6 (ספ. טעל.) דער בעזוך פון דייטשען קאַנצלער אין וואַטיקאַן וועט פאָרקומען שבת 6 אַ זייגער אין אָוונד.

פראצעס פאר דערמארדען א יודישען בחור

שעדלעץ, 6 (טעלעפאָניש). אין שעדלעץ איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען מיכאַל דאָרינקאַ, וועלכער האָט אין גאַרוואָלין, דערמאָרדעט אַ יודישען בחור.

דער מערדער איז פערמשפּט געוואָרען אויף 4 יאָהר תפיסה.

היינט און פאלג. טעג!
שענסטער סאלאן-פילם פון סעזאן
רעזשי: R. EICHBERG א.נ.

געשפענסט פון די סאלאנען

געהיימנישפולער לאַבירינט פון לאָנדאָנער מלינות. שוידער פון גרויל און עמאָציעס. אין די הויפטראָלן:

M. Angelus, Ewa Grey, Jack Rains

סובטעלער פאָדים פון אינטריגע האַלט דעם צושויער אין שפּאַנונג פון אָנהויב ביז'ן סוף דראַמע.

אָנהויב אין געוועהנליכע טעג 5 נאָכמיטאָג שבת, זונטאג און יום-טוב 2,30 ביימאָג
פאָפולערע פרייזע.
אויפ'ן 1-טען סעאַנס 50 גר. און 1 זל.
דער זאל איז מעכאַניש ווענטילירט.

די בעוואוסטע היימישע מיטאגען פאר 1.75 זל.

מיט פערשידענע פליישען.
בעמערקונג: מיט געפליגעל 2 זל.
מיט אַכטונג ח. באַרדיני
פיעטריקאָווער 31 אין הויף פאָרטער

השבת אבדה.

נעכטען האָב איך פערלוירען אַ פּאָרטפעל מיט אַ פּאַס אויפ'ן נאָמען קאַפּעל קשיפּיצקי און אַ "Prawo jazdy" און 4 פראָטעסטירטע וועקסלען אויף אַ סומע פון 517 זל. דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען געגען בעלוינונג אָבצוברענגען צו גאָלדמאַן, סאָלנא 11.

פאר מאגליידענדע

ראַבאַרבער-וויין, פעפסין-וויין
אין פרימא קוואַליטעט
צו בעקומען אין דער וויינהאַנדלונג פון

E. SZYKIER

Północna 1, tel. 107-84

אויטאָגענישע שווייסונגען
מעטאַל-בעאַרבייטונגען
שלאָסעריי-אַרבייטען
מאַשינען - טיילען
יהרט אויס ביליג

J. REDER, Łódź

קאָנסטאַנטינער 11/13
(רוג זגכאָדניא)

CIECHOCINEK

וולאָצלאַווסקאַ-גאָס
ווילאַ „Wiktorja"

Dr. med. W. Łaski

אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
נעמט אָן פון 1-טען יוני, 1931

צו פערמיטען!

א געוועלב מיט 1 צימער און קוך
א געוועלב מיט 2 צימער און קוך
מיט בעקוועמליכקייטען און באַלקאָן
ערפאָהרען ביי ה. זילבערינג, בזשעזשינער 88
טעלעפאָן 123.06.

8-ונג, לעטניקעס!

אנשטאַט זיך בארגען א בעט אויף אפנוי-געלד
פערזעהט אייך בעסער פאר'ן זעלבען געלד
מיט אנ'עכט פאטענטירט בעט מיט א מאטראַץ

Palma-Patent

וואָס איז אלעמען בעקאנט מיט זיין פראקטישקייט, דויערהאפטיגקייט
און עסטעטישקייט מיט א גאראנטיע אויף 3 יאָהר.
אויף לאגער שטענדיג א גרויסער אויסוואהל לעזשאַקעס, פעלד-בעטלעך, פעלד-בענקלעך — ווי אויך — מאטראצען געבעטע, שאַטקאַווע און קאַנאַדיסקע קאָזעטקעס, טאַפּטשאַנעס, מעטער-מאָסען
רעעלע בעהאנדלונג! פאַבריקס-פרייזען זעמטליכע רעפּעראַטורען;
הורט לאָדז, פּולנאָצנאַ 24, טעל. 131-85 דעטייל

א פערקויפערין

קען זיך מעלדען אין שיך-געשעפט
A. Ogórek
לאָדז, זאַוואַדזקאַ 11

לאָנגיעדיגער געריכטס-סעקרעטאר

ערטיילט און ערלעדיגט אַלערליי
ביטעס, אנקלאגעס און קלאַזוולעס
ספּעציאַליסט אין מיליטער-ענינים
שנעלער אויסקויף פון פאַטענטען און רעגיסטראַציע-קאַרטען אויפ'ן יאָהר 1931

ב. מאַן, 10 פּיעטריקאָווער 10

דאָס קאָנצעסיאָנירטע

עלעקטראָטעכנישע ביוראָ פון מ. וואַלדמאַן

נעמט אָן ליכט- און קראַפט-אנלאגען
צו מעסיגע פרייזען
ביים טאַמבורירער נ. וואַלדמאַן
ווסכאָדניאַ 50, טעל. 147-23

פּרייסישע רעגירונג געגען פּלעביסציט

שאַרפער רעגירונגס-אויפרוף געגען שטאַלהעלם און קאָמוניסטען

בערלין, 6. (טו) די פּרייסישע רעגירונג האָט צוגעשיקט צו אַלע פּרייסישע צייטונגען אַן אויפרוף געגען פּלעביסציט, וואָס זאָל פּאָרקומען דעם 9 אויגוסט ה.י. וועגען פונאַנדערלאָזען דעם רייכסטאַג.

דער אויפרוף איז געשריבען אין אַ שאַרפען טאָן געגען די קאָמוניסטען און שטאַלהעלם וועלכע אָרגאַניזירען דעם פּלעביסציט און אַלע דייטשע בירגער ווערען גערופען זיך נישט צו בעטייליגען אין דעם פּלעביסציט.

ענגלישע באַנק נישט געענדערט דעם דיסקאָנטאָ-פּראָצענט

לאָנדאָן, 6. (טו) די ענגלישע באַנק האָט נישט געענדערט די דיסקאָנטאָ, עס בלייבט 4 מיט אַ האַלבען פּראָצענט.

אַמעריקאַנער פּלענער וועגען ים-בעוואָפנונג

ניו-יאָרק 6, (טו) דאָס שיף-בוי פּראָגראַם פון אַמעריקאַ פאַר׳ן יאָהר 1933 זעהט פאָר דאָס אויסבויען 2 לופט און וואַסער-שיפען 6 אונטערוואַסער-שיפען אַ 10 טויזענד טאָניגער קרייצער מיט אַ צושטערער. דער דאָזיגער בוי זאָל קאָסטען 130 מיליאָן דאָלאַר. מען דערוואַרט אַז פּרעזידענט הובער זאָל געבען צו דעם זיין בעשטעטיגונג.

שרעקליכער שטורם איז ענגלאַנד

לאָנדאָן, 6. (טו) נעכטען אָוועגד האָט זיך איבער ענגלאַנד אַדורכגעטראָגען אַ געוואַלדיגער שטורעם בעגלייט מיט אַ שלאַגס-רעגען.

אין לאָנדאָן און אויף דער פּראָווינץ האָט דער שטורעם אָנגעמאַכט גרויסע הזיקות. דער באַהן-פערקעהר איז אויף אַ סך ערטער איבערגעריסען געוואָרען. די אונטערערדישע באַהן איז פערגאָסען געוואָרען. פיר טויזענד טעלעפאָן-פערבינדונגען זענען צושטערט געוואָרען, עס זענען אויך אין פערשידענע ערטער אויסגעבראָכען שרפות.

„נאוטילוס" וועט הייַ-יאָהר נישט קענען שווימען צום נאָרד-פּאָל

זאָגט אַ נאָרוועגישער פּראָפעסאָר

לאָנדאָן, 6. (ספּ. טעל.) די אונטערוואַסער-שיף „נוטילוס" האָט סטאַרטירט פון בערגען אין דער ריכטונג פון טראַמזע, וואוהין זי וועט קומען מאָנטאָג. פּראָפ. בירקענס האָט זיך אַרויסגעזאָגט אָפּטימיסטיש איבער די אויסזיכטען פון דער עקספּעדיציע. ער האָט אָבער אָנגעוויזען, אַז אין הייַטיגען יאָהר וועט „נוטילוס" נאָר קאָנען זיין אין די אייז-ראַיאָנען פון צוויי ביז דריי וואָכען און וועט צוריקקומען קיין שפּיצבערגען אין סעפּטעמבער.

די עקספּעדיציע צום נאָרד-פּאָל איז הייַיאָהר נישט מעגליך.

לאָדזער נייעס

ליקווידירט דעם שטרייק

אין דער „שלעסער-מאַנופאַקטור" אין אָזאָרקאָוו

(א) נעכטען איז ליקווידירט געוואָרען דער סכסוך מיט די אַרבייטער אין דער „שלעסער-מאַנופאַקטור", און די שטרייקענדע 1800 אַרבייטער זענען צוריק צוגעטראָטען צו דער אַרבייט.

זונטאָג — אָפּצייכען-טאָג

פון קרן-קימת אויף זומער-וואוינונגען

דעם קומענדיגען זונטאָג קומט פאָר אויף די זומער-וואוינונגען ווישנעוואַ-גורא און פּאַדעמביע אַן אָפּצייכען-פערקויף לטובת דעם קרן-קימת-לישראל.

צו דער אַרבייט פון אָפּצייכען-טאָג האָט זיך געשטעלט די גאַנצע נאַציאָנאַל-געשטימטע יוגענד וועלכע געפינט זיך אויף די אַרומיגע זומער-וואוינונגען און אויך אַ גרעסערע צאָהל פון עלטערע אָנגעזעהענע ציוניסטישע עסקנים.

יערליכע גענעראַל-פערזאַמלונג

פון פּרוכטען און געמיזע-הענדלער

זונטאָג דעם 2 ד. ח. איז פאָרגעקומען די יערליכע גענעראַל-פערזאַמלונג פון פּרוכטען- און געמיזע-פעראיין מלינאַרסקאַ 9. נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע איז דער בעריכט גענומען געוואָרען צו קענטעניש און ס׳איז אויסגעדריקט געוואָרען אַ דאַנק דער אַלטער פערוואַלטונג פאַר איהר אַרבייט.

ס׳איז געוועהלט געוואָרען אַ נייע פערוואַלטונג.

צום סוף ווערט אַריינגעטראָגען אַ פּראָטעסט געגען דעם, וואָס מען לאָזט נישט שניידען קיין אַרבוזען אין ראַיאָן פון 3-טען קאָמיסאַריאַט וואָס עס רופט זיך זעהר שלעכט אָפּ אויף דעם פּדיון פון די גאַסען-הענדלער. דער פּראָטעסט ווערט איבערגעגעבען דעם ה׳ פּיאָטר כאַרי, ראַטמאַן אין האַנדעלס-קאַמער, כדי וועגען דעם צו אינטערווענירען.

לעצטע פאָרשטעלונגען פון וואַרש. סטאַר אַרטיסטען

אין „פילהאַרמאָניע"

די טרופּע פון וואַרשאָו. סטאַר-אַרטיסטען, וואָס גאַסטראָלירען אין לאָדזער „פילהאַרמאָניע", שפּילען שוין די לעצטע טעג.

היינט, פרייטאָג, מאָרגען, שבת, 9 אָוועגד ווערט געשפּילט דער גרעסטער רעקאָרד-שלאַגער „דער בלינדער פּאַיאַץ" נאָך דער פאָרשטעלונג אַ גרויסער קאָנצערט.

שבת, 4 ביטאָג „פון ווייטען סיביר" מיט אַ קאָנצערט. צו יעדען בילעט ווערט צוגעגעבען פאָטאָגראַפיעס פון אַרטיסטען און לידלעך פון „בלינדען פּאַיאַץ".

רינג-קאַמפען — אין צירק

דער רעזולטאַט פון די נעכטיגע רינג-קאַמפען:

אין דער 1 פּאָר קעמפען שטשערבינסקי - יאַגאַ, אין דער 15 מינוט בעזיגט יאַגאַ שטשערבינסקין.

דער קאַמף פון צווייטען פּאָר סאַן-מאַרס-שטיבאָר האָט פיל פערכאַפּענדע מאָמענטען, געווינט האָט שטיבאָר.

די דריטע פּאָר קעמפען פּאַשאָף — און דער אומבעקאַנטער. זעלבסטפערשטענדליך. אַז דער אומבעקאַנטער בלייבט ליגען אויף ביידע לאָפּאַטקעס.

די 4 פּאָר מאַרטינאָוו—שטעקער ענדיגט זיך מיט׳ן נצחון פון שטעקערן.

היינט, פרייטאָג, קעמפען:

פינעצקי—פּאַשאָף, אומבעקאַנטער — שטשערבינסקי, מאַרטינאָוו — סאַן מאַרס, שטיבאָר — שטעקער, יאַגאַ — סאַסאָרסקי.

פון קינאָ-טעאַטער „בייקאַ"

אין קינאָ-טעאַטער „בייקאַ" ווערט איצט געשפּילט דער העריליכער פילם א. נ. „די זינד פון מאַנקי".

אויסער פּראָגראַם ווערט געגעבען אַ שעהנע אַמעריקאַנער קאָמעדיע.

פּרעמיערע אין טעאַטער „יעדני זלאַטי"

היינט, פרייטאָג, דעם 7-טען אויגוסט קומט פאָר די פּרעמיערע פון דעם גרויסען שלאַגער-רעווי א. נ. „אַלעס איז גוט, וואָס איז גוט" מיט׳ן אנטייל פון די ניי-אַנגאַזשירטע קרעפטען מיט ע. רעדען אין דער שפּיץ.

טעגליך 2 פאָרשטעלונג 8 און 10 אָוועגד. שבת, זונטאָג און יום-טוב 3 פאָרשטעלונגען 6, 8 און 10 אָוועגד.

ראַדיאָ-פּראָגראַם

פרייטאָג, ד. 7 אויגוסט

12,10 צייט-סיגנאַל, 1,15 גראַמאָפאָן-מוזיק, 4,30 גראַמאָפאָן-מוזיק, 4,45 אַרטיסטיש ווינקעלע, 4 30 קאָמוניקאַט פאַר פישער און שיפער, 5,10 ליטעראַרישע געשפּרעכען אין פראַנצויזיש, 5,35 גראַמאָפאָן-מוזיק, 600 פאָרלעזונג, 7,00 לייכטע מוזיק, 7.20 פערשידענעס, 7,40 גראַמאָפאָן-מוזיק, 8,00 קאָמוניקאַט פון לאָדזער האַנדעלס-קאַמער, 8,15 ראַדיאָ-פּרעסע, 10,00 סימפאָנישער קאָנצערט, 10.15 פעליעטאָן, 10,30 קאָמוניקאַטען, 12,00 לייכטע מוזיק.

שבת. ד. 8 אויגוסט

12,10 צייטסיגנאַל, 1,15 גראַמאָפאָן-מוזיק, 9,30 פאַר קינדער, 4.50 קאָנצערט פאַר יוגענד, 4,55 קאָמוניקאַט פאַר פישער און שיפער, 5,15 פאָרלעזונג, 5.35 לייכטע מוזיק. 6,00 פאָרלעזונג, 7,00 אַ שעה פאַר יונגע מוזיקאַלישע טאַלאַנטען, 7,20 פערשידענעס, 7,40 גראַמאָפאָן-מוזיק, 8,00 קאָמוניקאַט פון לאָדזער האַנדעלס-קאַמער, 8,15 ראַדיאָ-פּרעסע, 10,00 פּאָפּולערער קאָנצערט, 10.25 קאָמוניקאַטען, 11,00 שאָפען-קאָנצערט, 12,00 לייכטע מוזיק.

תיקון טעות

אין קעפּעל איבער׳ן אַרטיקעל פון ש. י. סטופּניצקי, זייט 6, איז אַריינגעפאַלען אַ טעות. עס דאַרף זיין „פּאַטריאָטישע יוגענד".

מעלדונג

דער פּראָפעסיאָנעלער שערער- און בייטער-סעקציע טיילט מיט זיינע מיטגלידער, אַז פון 1. אויגוסט ד. י. געפינט זיך אונזער נייער פעראיינס-לאָקאַל אויף פּילסודסקיעגאָ (ווסכאָדניאַ) 19 פראָנט 2-טער איינגאַנג 3-טער שטאָק. צוליב דעם קורצען טערמין צו די גענעראַל פערזאַמלונג פאָדער׳ען מיר אויף די פעראיינס-חברים צו רעגולירען דעם באַמאַלען בייטראַג. מיט חברישען גרוס די פערוואַלטונג

ווי נאָרדווינד איז דערהרג׳עט געוואָרען

אַ שטאַמעלדיג מיידעל שטאַמעלט אַרויס אַ געשיכטע מיט אַ האַלבען אויער, און די דריי מערדער ווערען געכאַפּט

(2). לויט ווי מיר האָבען נעכטען געמאָלדען—האָט די פּאָליציי-מאַכט אַרעסטירט די מערדער פונ׳ם סוחר לעאָן נאָרדווינד.

איצט האָבען מיר בעקומען פּרטים בנוגע דער אויספאָרשונג, און ווי אַזוי די פערברעכער זענען אַרעסטירט געוואָרען.

דער מאָרד איז פאָרגעקומען דעם 12 יולי ד.י. גלייך אויף מאָרגען נאָכ׳ן אַדורכפיהרען די אַבלאַווע זענען פערהאַלטען געוואָרען צוואַנציג פּערזאָן, וועלכע מען האָט אָפּגעפיהרט אויפ׳ן פּאָליציי-פּאָסטען אין זשגאָוו.

נאָכ׳ן אַדורכפיהרען אַ גענויע אויספאָרשונג איז נישט געלונגען צו געפינען קיין מאַטעריאַלען וואָס זאָלען בעלעסטיגען די פערהאַלטענע פּערזאָנען, און דעריבער זענען זיי אַלע אַרויסגעלאָזט געוואָרען אויף דער פרייַ.

מיט עטליכע טעג צוריק האָט דער קאָמענדאַנט פון דער זשגאָווער פּאָליציי, באַהוש פערהאַלטען עפּעס אַ יונג מיידעל, וועלכע האָט אַרומגעשפּאַצירט אין די מלוכה-וועלדער פון מאָדליצאַ.

דאָס מיידעל האָט זיך אָנגעגעבען אַז זי הייסט יאַנינאַ קודראַ, 18 יאָהר אַלט, און אַז זי וואוינט ביי איהרע עלטערען אין דאָרף גורקי, גמינע קרושעוו.

מען האָט דאָס מיידעל פערהאַלטען, און ס׳האָט זיך אויסגעוויזען, אַז פון כמאי הייַ-יאָהר האָט זי זיך נישט געוויזען אין דער היים.

דאָס מיידעל, וואָס שטאַמעלט אַגב זעהר, האָט דערקלערט, אַז די גאַנצע צייט האָט זי פערבראַכט אין די מאָדליצער וועלדער וואו זי האָט „געלעבט ווי מאַן און ווייב" מיט די צופעליגע אומבעקאַנטע מענער, וועלכע זי האָט פאַר דער צייט בעגעגענט.

צווישען אַנדערען האָט זי דערציילט, אַז זי איז אַריין אין קאָנטאַקט מיט אַ באַנדע פון דריי פּערזאָן, און דערביי האָט זי זיי מיטגעהאָלפען דערמיט, וואָס זי פלעגט זיי אָנווייזען, וואו און אויף וועמען מען דאַרף אָנפאַלען...

דאָס מיידעל האָט נישט געקאָנט אָנרופען די פאַמיליעס פון די באַנדיטען; זי האָט בלויז געוואוסט די פאָרנעמען פון צוויי: ראַמעק און מאַניעק.

ביים דערציילען ווי זיי זעהען אויס, האָט יאַנינאַ קודראַ אָנגעגעבען אַז איינער פון זיי האָט נישט אַ האַלבען לינקען אויער.

דאַן האָט זיך דער עלטערער פּשאָדאָוויק קורפּינסקי דערמאָהנט, אַז מיט עטליכע חדשים צוריק האָט ער געפיהרט אַן אויספאָרשונג וועגען פערגוואַלדיגען אַ 19-יאָהריג מיידעל, זאָפיאַ גרישעק, און בעת מעשה פערהערט דריי פּערזאָן, פון וועלכען ביי איינעם האָט געפעהלט אַ האַלבער אויער.

אין עטליכע מינוט אַרום נאָך רודראַ׳ס דערקלעהרונגע זהאָט מען אַרעסטירט דעם 23-יעהריגען ראָמאַן העניאַק פון זשגאָווסקאַ 161 און דעם 21-יאָהריגען זיגמונט קאַזשימיערטשאַק, וואָדנאַ 27 אין כאָיני. דעם דריטען פערשוין, דעם 21-יאָהריגען קסאַווערי יעזשיאָרסקי פון זאַגלאָבאַ 43 האָט מען אַרעסטירט ערשט נעכטען פאַרטאָג.

דער פּשאָדאָוויק קורפּינסקי האָט זיי גענומען אויף אַ פערהער און זיי האָבען געלייקענט שטיין און ביין, דערקלעהרענדיג אַז זיי זענען אין דעם רידזינקער וואַלד בכלל דאָס יאָהר נישט געוועזען. זיי האָבען אויך געלייקענט אַז זיי זאָלען האָבען ווען נישט איז געהאַט אַ מגע ומשא מיט יאַנינאַ קודראַ.

דאַן האָט מען דורכגעפיהרט אַ קאָנפראָנטאַציע אַוועקשטעלענדיג די באַנדיטען צווישען אַנדערע פּערזאָנען און די קודראַ האָט זיי גלייך דערקענט און אויף זיי אָנגעוויזען.

אגב האָט בעת דער קאָנפראָנטאַציע פּאַסירט אַ טשיקאַווע זאַך: דאָס מיידעל וואָס איז גענומען געוואָרען אויף אַ קרייז-פערהער האָט ערקלערט, אַז זי האָט די דריי באַנדיטען געזעהען שלאָגען מיט קאַסטעטען עפּעס אַן עלטערען מאַן מיט אַ טעקע אין רידזינקער וואַלד.

מען האָט ביי די פערשוינען אין זייערע וואוינונגען דורכגעפיהרט רעוויזיעס, און ביי יעזשיאָרסקין האָט מען אונטער אַ שעניק געפונען אַן אייזערנעם שטאַנג און אַ קאַסטעט פון אַן אויסטערלישער פאָרם, מחמת אַנשטאָט די רינגען ,ווי ביי אַ געוועהנליכען קאַשטעט, האָט יעזשיאָרסקיס "כלי זיין" געהאַט קליינע שאַרפען ,אין דער פאָרם פון אַ האַק.

ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אַז נאָרדווינד איז דערהרגעט געוואָרען מיט אַזאַ קאַסטעט.

אַלע דריי באַנדיטען און דאָס „שטאַמעלדיגע מיידעל" זענען איבערגעשיקט געוואָרען צו דער דיספּאָזיציע פון אויספאָרשונגס-ריכטער ביים ערשטען רעוויר.

כידוע, האָט דעם דערמאָרדעטענס שוואָגער, זילבערשפּיץ, בעשטימט אַ פּרייז 500 זל. פאַר דעם וואָס וועט געפינען דעם מערדער. איצט וועט דערריבער זיין אַ פּלוגתא, וועמען צו געבען דאָס געלד: צו יבאַהוש׳ן, וואָס האָט אַרעסטירט יאַנינאַן, צי קורפּינסקין וועלכער האָט געפאַקט די דריי גזלנים?.

נישט דאָס איז דער עיקר,!

דער עיקר איז, אַז ,ווי עס ווייזט זיך אַרויס, שפּילען טאַקי די ליעטניקעס מיט׳ן לעבען און זענען אונטערוואָרפען כל׳ערליי מעגליכקייטען פון בעגיין איבער זיי גוואַלד-טאַטען, ביז מאָרד אַרייַנגערעכענט...

Prywatne POGOTOWIE LEKARSKIE
ZIELONA 6,
Telefon 12-333
tel. 12-333
tel. 12-333
ערטיילט דרינגענדע ערצטליכע הילף אין אַלע פּלוצימדיגע פאָרפאַלען צו יעדער צייט ביינאַכט און ביינאַכט ווי אויך אין אַלע אַקושעריע און גינעקאָלאָגישע הילף.

1-טער קלאַנג-קינאָ-טעאַטער אין לאָדז
„SPLENDID"
היינט און פאָלגענדע טעג!
פּרעכטיג קלאַנג-מייסטערווערק
דער אַפּעריסט פון טעקסאַס
פילם געשאַפען אויפ׳ן גרונד פון פּאַסירונגען און לעבענס-געפאַהרען פון ווילדען מערב. — אין דער הויפּט-ראָלע דער אונפערגלייכליכער
Gary Cooper ווי אויך די רייצענדע Fay Wray
אויסער׳ן פּראָגראַם: הומאָריסטישע קאָמעדיע
„POSKROMIENIE FLIRCIARKI" — אין דער הויפּט-ראָלע: די רייצענדע CLARA BOW אַ נייַע קלאַנג-קאָמעדיע. — אָנהויב 6 נאָכמ., שבת און זונטאָג 12 ביטאָג, פון 12—4 זענען די פּרייזן; 75 גר. און 1 זל. פון 4 אַ זייגער נאָכמ. 1, 1.50 און 2 זל.

רעוויזיאניסטען אין ארץ=ישראל און פאריז

פאדערען צוריק איבערגעבען זשאבאטינסקי׳ן די לייטונג

ירושלים (יט״א) די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וואָס שטעלט פעסט, אַז נאָך דעם לעצטען באַזעלער קאָנגרעס דאַרפען די רעוויזיאָניסטען נישט פערבלייבען לענגער אין אַנ׳אָרגאַניזאַציע, וואָס איז מעהר נישט בערעכטיגט זיך אָנצורופען „ציוניסטישע פאַרטיי״. די א״י־רעוויזיאָניסטען סאָלידאַריזירען זיך פולשטענדיג מיט דער שטעלונג פון ווֹל. זשאַבאָטינסקי.

די דאָזיגע רעזאָלוציע וועט דינען אַלס אינסטרוקציע פאַר די דעלעגאַטען פון ארץ־ישראל צו דער רעוויזיאָניסטישער וועלט - קאָנפערענץ, וואָס וועט פאָרקומען אין דעצעמבער ה. י.

פּאַריז (יט״א) דאָ איז פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג פון רעוויזיאָניסטען־פערבאַנד אין פּאַריז, אויף וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט אויף ווֹל. זשאַבאָטינסקי ער זאָל גלייך בענייען זיין טעטיגקייט און צוריק איבערנעמען די לייטונג פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ווי בעקאַנט האָט זיך ווֹל. זשאַבאָטינסקי נאָך דעם 17־טען ציוניסטישען קאָנגרעס צוריקגעצויגען פון דער רעוויזיאָניסטישער לייטונג אויף דער צייט ביז דעם רעוויזיאָניסטישן וועלט־צוזאַמענפאָהר אין דעצעמבער.

א׳ז אינטערעס פון ווירטשאפטליכן לעבען

אין די צייטונגען איז ערשינען אַ ידיעה וועגען דערלייכטערונגען ביים אויסקויפען פּאַטענטען. זי לויטעט:

„דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום האָט ערמעכטיגט די פינאַנץ־קאַמערן זיי זאָלען אין אייגענעם ווירקונגס־קרייז, דערלעדיגען געזוכען בנוגע דער איבערקלאַסירונג פון האַנדעלס־אונטערנעהמונגען פון קאַטעגאָריע 2 אויף 3 און פון 3 אויף 4 — און צו בעפרייען פון פּאַטענטען בעזונדערס אָרימע שטייער־צאָהלער, אָהן ריקזיכט דערויף ווען דאָס געזוך איז אַריינגעטראגען געוואָרען — אויב נאָר דאָס בעצאָהלען פון די געהעריגען לויט דעם געהעריגען פּאַטענט, וואָלט געקאָנט בעדראָהען די ווירטשאַפטליכע עקזיסטענץ פון שטייער־צאָהלער״..

דאָס פינאַנץ מיניסטעריום האָט זיך ענדליך איבערצייגט, אַז פאַר אַ געוויסען טייל פון האַנדעלס־אונטערנעמונגען זענען די ביז־איצטיגע שטייערען שעדליך און וויל דערפאַר זיי געבען די מעגליכע הנחות ווי אַזוי די עקזיסטענץ צו דערהאַלטען.

די שטייער־עקזעקוטאָרען, וואָס שטעהען נאָהנט צום פּראַקטישען לעבען ווייסען, אַז ביי סוחרים ווען דעם מע זאָב דאָס לעצטע ביסעל געלד און דאָס פיהרט דערצו, אַז דער סוחר איז נישט אומשטאַנד פאָרצוקומען זיין התחייבות לגבי זייגע ליפעראַנטען. נישט איינמאָל האָט דער סוחר נאָך אַ שטייער־עקזעקוציע, געמוזט לאָזען וועקסלען געהען צום פּראָטעסט אָדער אינגאַנצען איינשטעלען די צאָהלונגען. די עקזעקוטאָרען ווייסען אויך, אַז נישט איינמאָל האָט מען פערקויפט אויף אַ ליציטאַציע די לעצטע פּאָר־ראַטען פון סחורה און אַזוי אַרום האָט מען אַ סוף געמאַכט צום גאַנצען בעשטאַנד פון סוחר.

נאָך אַ פּאָר יאָהר האָט דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום איבערצייגט, אַז די ביזאַהעריגע שטה דעם סוחר צו בעהאַנדלען, איז געווען פון ווירטשאַפטשאַפטליכען שטאַנדפּונקט אומגעזונד און דערפאַר טרעט איצט דאָס מיניסטעריום צו — צו אַ בעסערונג פון די פּעז־העלטנישען. עס איז בעסער אַ קראַנקהייט צו פּעז־היטען ווי זי שפּעטער צו היילען.

מען מוז דערפאַר ווי צום גיכסטען דעריבער נאָכדרוקען, אויב אַ סוחר פון 3־טער און 4־טער קאַטעגאָריע איז איבערהויפּט אומשטאַנד אויסצוקויפען אַ פּאַטענט און צו צאָהלען „פּאָדאַטעק אָבראָטאָווי״ און אויך אויב די גאַנצע מאַניפּולאַציע בּרענגט דער מלוכה די געהעריגע הכנסות.

אין יאָהר 1928 האָט דער דורכשניטס־אומזאַץ פון אַ סוחר 3־טער קאַטעגאָריע, בעטראָפען 21,000 זל. די שטייערען אַלזאָ — בעטרעפען 700 זל. — דער אומזאַץ פון אַ סוחר 4־טער קאַטעגאָריע האָט אויסגעמאַכט 8000 זל. די שטייערען אַלזאָ — 350 זל.

ביי אַזעלכע אומזאַצען פערדינט דער סוחר קוים אַזוי פיל כדי בּדוחק זיין פאַמיליע צו דערהאַלטען און עס איז אוממעגליך, אַז ער זאָל קענען אַזעלכע שטייערען בעצאָהלען. די הויכע שטייערען האָבען רואינירט דעם סוחר. ער האָט געצאָהלט און געצאָהלט אַזוי לאַנג ער האָט נאָך געהאַט אייגענעם קאַפּיטאַל און צו שפּעטער — דאָס קאַפּיטאַל פון זייגע ליפעראַנטען.

פאַר פחד, אַז מען זאָל איהם נישט טרייבען צו קיין ליציטאַציעס, האָט דער סוחר געמוזט צאָהלען שטייערען און דערפאַר נישט געצאָהלט די רעכנונגען פון זייגע ליפעראַנטען.

400,000 האַנדעלס־אונטערנעמונגען פון 3־טער און 4־טער קאַטעגאָריע האָבען געצאָהלט שטייערען איבער זייער כוח, און דערפאַר איז דער גאַנצער מיטעלשטאַנד און דער אונטערער שטאַנד פון סוחר־טום רואינירט, און האָט זיך מיטגעצויגען די אינדוסטריע און דאָס הורט־געשעפט. 400.000 סוחרישע משפחות, דאָס הייסט בערך צוויי מיליאָן פון דער בעפעלקערונג לעבען כמעט אין נויט, זיי זענען נישט קיין געהעריגע קאָנסומענטען מיט וויפיל מעהר וואָלטען זיי געקאָנט פערברויכען צוקער, טאַבאַק, ביר און דערמיט וואָלטען זיי געקאָנט העכערען די מלוכה־הכנסות. דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום מוז באַכקלערען וועגען דער פראַגע אַז די פּערזאָנאַל און אַדמיניסטראַציע אויסגאַבען ביים אויסמעסטען און ביים איינציהען פון פּאָדאַטעק אָבראָטאָווי פערלאַנגען אַ געוואַלטיגען בעאַמטען אַפּאַראַט און ריזיגע הוצאות. דאָס אלץ בּרענגט דעם סוחר צום בעוואוסטזיין, אַז די שטייערען ווערען נישט פערווענדעט אויף נויטיגע מלוכה׳שע ציועקען, נאָר אַז דעם גרעסטען טייל פון די שטייערען, עסען אויף די פּערזאָנאַלע הוצאות אויסצוהאַלטען אַ גאַנצע מחנה פון בעאַמטען, וואָס זענען בעשעפטיגט ביי דעם שטייער.

אַ רעדוקציע פון אומזאַץ־שטייער וועט נישט ברענגען קיין דערלייכטערונג, ווייל דאָס וועט די פּערזאָנאַלע הוצאות נישט קלענער מאַכען. מען מוז מאַכען אַ קיינערשניט און אבשאַפען די פּאַטענטען פון 3־טער און 4־טער קאַטעגאָריע און אָבּשאַפען דעם אומזאַץ־שטייער פאַר האַנדעלס־אונטערנעמונגען. פון 3־טער או 4־טער קאַטעגאָריע. אויף אַזאַ אופן וועט די מלוכה דערשפּאָרען מעהרערע צעהנער מיליאָנען זלאָטע אויף פּערזאָנאַלע און ביורא הוצאות און אַזוי אַרום וועלען 400,000 האַנדעלס־אונטערנעמונגען ווערען געזונד, עס וועלען פאָרקומען וועניגער באַנקראָטען און דער קאָנסום וועט געהויבען ווערען.

ע. מ. קירשאו.

ערנעסטינע עשעלבאכער

דעם 5. יולי, עטליכע טעג פאַר איהר 73־טען געבורטס־טאג איז געשטאָרבען אין בערלין פרוי ערנעסטינע עשעלבאַכער, די אַלמנה פון בערלינער געמיינדע־ראַבינער יאָזעף עשעלבאַכער און אַ מוטער פון ראַבינער ד״ר מאַקס עשעלבאַכער אין דיסעלדאָרף.

איהר טויט איז אַ גרויסער פערלוסט פאַר דער אַלגעמיינער יודישער פרויענוועלט.

טיפע פרומקייט מיט געדולד און טאָלעראַנץ האָבען זי אַרויסגערוקט צו אַ פיהרענדע פערזענליכקייט פון אַ בעזונדערען גייסטיגען פערנעם.

זי איז געווען טעטיג אין אַלע יודישע וואוילטעטיגע בעוועגונגען, זי איז געווען פאָרזיצערין פון אַלע „בני ברית״ שוועסטערלאָזשען אין דייטשלאַנד, פערוואַלטונגס־מיטגלידערין פון יודישען פרויען־בונד, פון „ארט״ און פון אַלע פערבאַנדען פון סאָציאַלער שוץ.

נאָך אין יאָהר 1916 נאָכ׳ן טויט פון איהר מאַן האָט זי זיך גענומען פאָרטצוזעצען דאָס ווערק פון רעפאָרמירען די בעציהונג פון די יודישע יתומים־קינדער.

אַ בעזונדער בעדייטונג האָט איהר טעטיגקייט אַלס וויצע־פאָרזיצערין פון אינטערנאַציאָנאַלען פער־אַיין צו פערבעסערען די רעכטליכע שטעלונג פון דער יודישער פרוי, וואו זי האָט מיט איהר גאַנצער פערזענליכקייט געווירקט אויף די בעטראַכטע פּראָבלעמען או ובעזונדערס אויף דער פראגע פון עגונות, דער דאָזיגער פעראיין האָט זיך געשטעלט פאַר אַבי־אויפגאַבע אויפ׳ן באָדען פון אָרטאָדאָקסישען יודענטום זיך צו בעמיהען, אַז ס׳זאָל אָפּגעשוואַכט ווערען די שווערע פאָרשריפטען בנוגע דער פרוי אין פאַמיליען־לעבען.

זי איז טאַקע געווען די דעלעגאַטין פון וועלט־בונד פון די יודישע פרויען אין יאָהר 1929 אין דער „כנסיה גדולה״ וועגען דעם דאָזיגען ענין.

מיט איהר גרויסער גוטהערציגקייט האָט זי נאָך געפינען געגוג צייט די אָרימע און אומגליקליכע צו טרייסטען און העלפען.

איהר אָנדענק וועט שטענדיג בלייבען צווישען אַלע די, וועלכע האָבען מיט איהר צוזאַמענגעאַרבייט.

הולדא קלאין.

20,000 אָרימע לאָדזער יודישע קינדער נויטיגען זיך אין פרישע לופט

„טאָז״ קאָן אָבער נאָר פערזאָרגען 800 קראַנקע יודישע קינדער מיט אַ זומער־קאָלאָניע

פרעסע־אויספלוג אין דער זומער־קאָלאָניע פון „טאָז״

ווער קען זיך פאָרשטעלען אַזאַ טראַגעדיע: 20 טויזענד אָרימע, קראַנקע יודישע קינדער מיט שוואַכע לונגען, אויסגעדאַרטע און אויסגעהונגערטע, פון ענגע, נאַסע, שמוציגע בוידעם און קעלער־שטיבלעך, שטעהען און בעטען זיך מ׳זאָל זיי אַרויס־רייסען, כאָטש אויף אַ ווילע, כאָטש אויף עטליכע וואָכען אין דער פרייער לופט אַריין, אויפ׳ן פעלד און וואַלד, זיי זאָלען קענען אָטעמען מיט פרישער ריינער לופט, די זאָלען בעקומען אַ רפואה פאַר זייערע יונגע לונגעלעך, זיי זאָלען בעקומען צו זאט אָפּצועסען, זיי זאָלען זיך געפינען אין ריינע לופטיגע צימערען — און קיינער הערט זיי נישט ענטפערען, איין ענטפער נאָר:

— נישטאַ פאַר אייך קיין פּלאַץ, איהר מוזט דאָס אַלץ האָבען, דאָס וועט פערלענגערען אייערע יאָהרען, דאָס וועט אייך געזונט מאַכען, אָבער נישטאָ קיין אָרט.

די לאָדזער יודישע געזעלשאַפטליכקייט, די לאָדזער גבירים זענען נישט ביי־געשטאַנען, אַז מ׳זאָל פון די 20 טויזענד נויטבעדערפטיגע יודישע קינדער, וואָס איז פשוט אַ חוב אָפּצוראַטעווען זייערע לעבענס דורך זומער־קאָלאָניעס — אַרויסשיקען כאָטש אַ העלפט, כאָטש אַ פערטעל פון דער דאָזיגער צאָהל.

אַזעלכע בעטראַכטונגען קומען אויף די געדאַנקען ווען מען שפּאַצירט אין דער זומער־קאָלאָניע פאַר יודישע קינדער אויסגעהאַלטען דורך „טאָז״. 800 קינדער פון די אומגליקליכסטע פון די אומגליקליכע ווייל דאָס זענען די אָרימסטע און די שוואַכסטע. אָבער גלייכצייטיג זענען דאָס די גליקליכסטע, ווייל זיי האָט זיך איינגעגעבען צו געפינען אַנ׳אָרט אין די זומער־קאָלאָניעס פון „טאָז״.

נישט מעגליך מעהר, ביי די 20 טויזענד זלאָטעס חובות, וואָס „טאָז״ האָט ביים היינטיגען טאָג מעהר צו האַלטען אויף דער קאָלאָניע ווי 800 קינדער, צו 200 אויף יעדען סעזאָן. איבעריגענס איז אויף דעם פּרעכטיגען שטח ערד וואָס טאָז פערמאָגט אין קזשיזשובקע״ נישט פערהאַן מעהר קיין געביידעס צו האַלטען מעהר קינדער און די איצטיגע אַנשטרענגונגען אין דעם זין מצד דער פערוואַלטונג פון „טאָז״ זענען ממש הערואיש.

ביי אַנ׳אויספלוג פון אַ גרופּע זשורנאַליסטען בעזוכענדיג מיר די זומער קאָלאָניע, ס׳פיהרען אונז אַרום דער פערוואַלטונגס־מיטגליד פון „טאָז״ ק. קאַבאַקער, דער דירעקטאָר ד״ר שוואַלבע און די אויסגעצייכענט ווירטשאַפטערין פרל. קאַופמאַן, זיי אַליין זענען בעגייסטערט פון זייער אַרבייט, ווייל זיי האָבען פאַר די אויגען די פּאָלגען פון דער דאָזיגער טעטיגקייט, ס׳קומען צו פאָהרען שוואַכע, אומטיג אויסגעמאַטערטע, בלייכע קינדער און ס׳פאָהרען צוריק אָפּגעבּרענטע, פרעהליכע, געשטאַרקטע מיט צוגענומענע 4 קילאָ געזונד און פלייש, מיט האָפנונגען אויף אַ בעסערע לעבען. מיר שפּאַצירען איבער דעם שעהנעם פּאַרק, איבער די גרויסע בלענדענד ריינע ליכטיגע און לופטיגע צימערען, איבער די באָד־צימערען און גאַרדעראָבעס, איבער דער היגיענישער קיך און איבערהויפּט איבער יעדען שטעגעל, וואו ס׳שמעקט מיט קולטור און אָרגאַנעלטיגקייט, מיט ליבע צו די קינדער מיט פער־אַנטוואָרטליכקייט פאַר דער „הייליגער עבודה.

50 טויזענד זלאָטעס גיט „טאָז״ אויס בלויז פאַר די זומער קאָלאָניעס און די יודישע געזעלשאַפט טאָר נישט אונס׳איז, ויכער זי הערט נישט שטעהען פון דערוויטענס פון דער דאָזיגער גרויסער אַרבייט.

דער פּרינציפּ פון לאָדזער „טאָז״, די זומער־קאָלאָניע מוז מיט יעדען יאָהר זיך פונאַנדערוואַקסען גרעסער ווערען, שעהנער ווערען, און ווען אין היינטיגען שווערען קריזיס־יאָהר, האָט זיך „טאָז״ געקאָנט ערלויבען, נעבען עטליכע בנינים וואָס זי האָט אין די פריהערדיגע יאָהרען צוגעבויט, נאָך אויפצושטעלען אַ פּרעכטיגען איזאָלאַציאָנס־הויז, וואו מ׳זאָל קענען אָפּזונדערען קראַנקע קינדער פון די געזונדע איז דאָס אַ גראַנדיעזע לייסטונג. דער איינדרוק וואָס די זומער־קאָלאָניע לאָזט איבער אויף יעדען בעזוכער איז באמת אַ קאָלאָסאַלער.

נישט מיט דער זומער־קאָלאָניע ענדיגט זיך די טעטיגקייט פון „טאָז״, איינס פון די שענסטע אינסטיטוציעס פון אונזער שטאָט, איז די היים פאַר זויג־קינדער, וואָס ווערט געפיהרט דורך „טאָז״, מיט דער דאָזיגער מוסטער־אַנשטאַלט צאַצקעט מען זיך און מ׳פלעגט זי. „טאָז״ האָט די השגחה איבער די קינדער, וואָס מ׳גיט זיי צו ערציהען צו פּריוואַטע פאַמיליעס און היט אָפּ, אַז ס׳זאָל די דאָזיגע קינדער קיין עולה נישט געשעהען.

ס׳זענען פערהאַן חלוקי דעות אין לאָדזער „טאָז צי דאַרף די געזעלשאַפט וואָס איז בערופען אָפּצוהיטען דאָס געזונד פון דער יודישער בעפעלקערונג זיך פערנעהמען מיט היילען קראַנקע אָדער דאַרף זי פיהרען אַ פּראָפילאַקטישע אַרבייט, דאָס הייסט אַ טעטיגקייט וואָס היט אָפּ פון קראַנק ווערען. דער לאָדזער „טאָז״ האַלט מעהר פון דער צווייטער אַרבייט, אָבער פערוואַרפט נישט די הייל־אַרבייט, אַ סימן דערצו איז דער רענטגען־קאַבינעט, וועלכער האָט אַזעלכע גרויסע פערדינסטען פאַר היילען די פּאַוואָוס (פּאַרך), צו דער פּראָפילאַקטישער אַרבייט פון „טאָז״ געהערען 2 בעראַטונגס־שטעלן פאַר מוטערס און זויג־קינדער, היגיענישע השגחה איבער קינדער פון שול־עלטער אין די שולען און די חדרים, בנוגע די חדרים האָט „טאָז״ נאָך צו בעקעמפען זעהר פיל שוועריגקייטען, מ׳האָט מורא די דאָקטוירים פון „טאָז״ אַריינצולאָזען אין די תלמוד־תורות, חדרים, פּאַרוואָס איז לגמרי אונפערשטענדליך. אַ געוויסען דורכברוך איז שוין געמאַכט געוואָרען און עטליכע תלמוד־תורות האָבען זיך שוין אַליין געווענדעט צו „טאָז״ וועגען איבערנעהמען די השגחה איבער דעם געזונד צושטאַנד פון די קינדער „טאָז״ פיהרט אויך כסדרדיגע פאַרלעזונגען וועגען היגיענע און געזונדהייט.

עטליכע שעה האָבען מיר זיך צגעקוקט און איבערצייגט אין דער גרויסער אַרבייט פון „טאָז״ און מען מוז מודה זיין, אַז אויב „טאָז״ האָט זיין פליכט בנוגע דער יודישער געזעלשאַפט ערפילט, האָט אָבער די געזעלשאַפט נאָך נישט ערפילט איהר אויפגאַבע בנוגע „טאָז״.

די געזעלשאַפט „טאָז״ מוז מיט אַלע כוחות געשטיצט ווערען, ס׳מוז איהר געגעבען ווערען די מעגליכקייט פונאַנדערצובויען, פונאַנדערצושפּרייטען די גרויסע אַרבייט. כאָטש אַ דאָפּעלטע צאָהל קינדער מוזען דעם נאָהענטסטען יאָהר געפינען זייער היילונגס־אָרט אין דער זומער־קאָלאָניע פון „טאָז״.

י. ד—ן.

דאס עלעגאנטע לאדז

קויפט איין די גאַנצע קאסמעטיק נאר אין דער ערשטער רענאמירטער

קאָנקורענץ=פערפומעריע

פון דער פירמע

J. DRUKIER

ZAWADZKA 5, TEL. 175-92

וואס בעזיצט צום איצטיגען זומער-סעזאן דעם רייכסטען אויסוואהל פון די בייעסטע

פערפומען, טואלעט-זייפען, קרעמען, פודערן, קעלנישע בלומען וואסערן

בעמערקונג: ביי יעדען איינקויף ווערט צוגעגעבען א קופאָן אויף ווערטפולע פרעמיעס. פאר אנגראָסיסטען בעדייטענדער ראבאט.

קיין פיליאַס בעזיצען מיר נישט.

פּאַטריאָטישע יוגענד

אין קיעלץ איז דאָס געשעהען. דאָס האָט מען אַרעסטירט אַ באַנדע איינברעכער, וועלכע האָבען געאַרבייט מיט די מאָדערנסטע מכשירים און האָבען געבראָכען קאַסעס, גערויבט געוועהר און געלד. מילא, אַז אין דער וועלט זענען דאָ גנבים און פערברעכער איז קיין נייעס נישט. אַ נייעס איז, וואָס די איינברעכער זענען שילער פון אַן אָרטיגער „יחסנ׳ישער גימנאַזיע און, אַז זייערע פערברעכענס זענען זיי בעגאַנגען צוליב פּאַטריאָטישע צוועקען.

אַז שילער קענען די מלאכה און, אַז זיי קענען עס אָפּט בעסער ווי אַנדערע, האָבען מיר געוואוסט, מיר האָבען שוין אַן׳עהנליכען פאַל געהאַט אין לעטלאַנד, וואו שילער האָבען אָרגאַניזירט אַ רויבער־באַנדע, זענען אַפילו בעפאַלען די פּאָליציי און האָבען אַ לאַנגע צייט געהאַלטען די געגענד אין שרעק. דאָרט האָבען זיי עס געטון צוליב „אַנ׳אַנדערען הייליגען צוועק. דאָרט האָבען זיי געוואָלט זאַמלען אַ קאַפּיטאַל, כדי צו קענען פאָהרען אין דער ווייטער וועלט. פון וועלכער דער לעהרער פון געאָגראַפיע האָט דערצעהלט אַזוי פיל וואונדער. ביי אונז איז דער צוועק נאָך אַ העכערער. עס האַנדעלט זיך, ווי מען רעדט, וועגען אַ גרויסער פּאַטריאָטישער אונטערנעהמונג, צו וועלכער מען גרייט זיך, און מען דאַרף דערצו האָבען געלט און כלי זיין.

פון דער מעשה דערוויסען מיר זיך צווייערליי זאַכען: ערשטענס, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ענין גנב׳ענען, איינברעכען און זיין אַ באַנדיט, איז גאָר נישט אַזוי שווער, ווי מען מיינט געוועהנליך. ווען מען לייענט די בעריכטען פון די פערשידענע פּראָצעסען, וואָס קומען פאָר, וואונדערט מען זיך אָפט אויף די נאַרישקייט און נאַאיווקייט פון דורכשניטליכען מענשען און מען בעוואונדערט די חכמה פון פּסיכאָלאָגישער טיפקייט פון פערברעכער, וואָס נוצט אַזוי געשיקט אויס די מענשליכע נאַרישקייט. און דער גלויבען אין מענשליכער נאַרישקייט און אונבעהאָלפענקייט איז שוין דערגאַנגען אַזש צו די קינדער אין די שולען. אויך זיי ווייסען שוין, אַז מען קען ביי יעדען מענש צונעהמען דאָס לעבען אַלץ צוליב׳ן שרעק פאַר׳ן לעבען. מען דאַרף איהם נאָר ווייזען אַ רעוואָלווער, אום ער זאָל לאָזען מיט זיך טון וואָס יעדער וויל, אַפילו זיך לאָזען דערשיסען.

צווייטענס, ווערען מיר געוואויר, אַז די קלאַנגען, וואָס דרינגען פון צייט צו צייט אַריין אין דער עפענטליכקייט וועגען הכנות, וואָס ווערען געמאַכט אין אַ געוויסען לאַגער צו פערכאַפּען די מאַכט, אַז די קלאַנגען מיט וועלכע מען סטראַשעט אַפילו יודען און מען זאָגט זיי אָן, אַז מען וועט זיך אָן זיי נוקם זיין, ווי דאָס האָט געטון דיעזע אַ בעקאַנטער פּראָפעסאָר, אַ פיהרער פון אַ פּאַרטיי, אַז די קלאַנגען, סטראַשונקעס, אָנצוהערענישען, האָבען אונטער זיך אַ רעאַלען יסוד, אַז עפּעס גרייט מען זיך, אָבער מען גרייט זיך. ווי עס ווייזט זיך אַרויס, קינדיש און מיט קינדער.

דאָרום, וואָס פאַר אַ כח שטעלט היינט מיט זיך, פאַר די כלומרשטע געזעלשאַפט מיט אַלע איהרע אָרגאַניזאַציעס? היינט האָט די געזעלשאַפט גאָר נישט צו זאָגען, איהר כח בעשטעהט נאָר אין רעדען. זי קען רעדען, אַגיטירען, רייצען און העצען, אַזוי לאַנג ווי מען לאָזט, אָבער טון קען זי גאָר נישט. היינט איז נאָר די בעוואָפענטע מאַכט, דער איינציגער פאַקטאָר און ווער עס האָט די מאַכט אין האַנד, דער האָט נישט קיין מורא פאַר קיין שום פערשווערונג.

עס איז דערום טאַקע נאָר אַ מעשה נערות ווען מען ציהט אַריין קינדער אין אַזעלכע אַוואַנטורעס, און מען דעמאָראַליזירט די יוגענד. ווארום, וואָס פאַר אַ מענשען קענען שוין אַרויסקומען פון קינדער, וואָס האָבען שוין זיצענדיג אויפ׳ן שול־באַנק געוואוסט, ווי אַזוי מען ברעכט אויף אַ קאַסע, ווי אַזוי מען בענוצט געוועהר. מיר, מענשען פון עלטערען דור, מיר יודען, פערשטעהען דאָס נישט. כאָטש ביי די אומות העולם איז עס קיין נייעס נישט. ביי היינטיגען טאָג קען מען זאָגען, אַז די גאַנצע ערציהונג צילט דערצו צו מאַכען די קינדער אויס קינדער, זיי אַריינציהען אין געדאַנקען און שטרעבונגען פון די גרויסע. יעדע פּאַרטיי האַלט אין איין אָרגאַניזירען די יוגענד, יעדע ריכטונג שטרעבט צו געווינען אויף איהר איינפלוס. די מיינונג, אַז קינדער טאָרען זיך אין פּאָליטיק נישט מישען, אַז זיי דאַרפען שטעהען אָן אַ זייט און נישט אַריינגעצויגען ווערען אין פּאָליטישען קאַמף, די מיינונג איז נאָך היינט אויך די העררשענדע, אָבער דאָס גילט נאָר אין דער טעאָריע. אין דער פּראַקטיק זעהט עס אַנדערש אויס. אַפילו די, וואָס פּרעדיגען די נייטראַליטעט פון דער יוגענד, מיינען עס נאָר, אַז דער צווייטער זאָל נישט טרייבען קיין פּאָליטיק אין דער שולע. ער אַליין טוט עס יאָ אָבער אונטער אַנ׳אַנדער נאָמען. דער פועל יוצא פון אַזאַ ערציהונג איז דאָס מיר האָבען פאַקטיש היינט נישט מעהר קיין יוגענד אַפילו קינדער זענען היינט פּאָליטיזירט. עס דאַרף אונז דערום נישט וואונדערען, ווען די יוגענד געהט ווייטער אַ שריט און בענוצט דאָס געוועהר, וואָס מען האָט איהר געגעבען אין האַנד, צו אַנ׳אַנדער צוועק ווי דער צו וועלכען מען האָט איהר געגעבען, ווען זי מאַכט אָנפאַלען און אָרגאַניזירט רויבער־באַנדעס, עס דאַרף אונז נישט וואונדערען, ווייל קיין פּשוטע יוגענד, קיין סתם יוגענד, איז היינט נישטאָ. מיר האָבען אַ יוגענד, וואָס איז אויסער יונג נאָך עפּעס: זי איז פּאַטריאָטיש, סאָציאַליסטיש א. אַז. וו. אין קיעלץ האָט זיך נאָר בעוויזען איין פאַרב פון דער יוגענד, אָבער דאָס איז נישט די איינציגע ליידער.

ש. י. סטופּניצקי

דער פּאָליטישער מאָמענט

הילף פאַר דייטשלאַנד, מלחמה־געפאַהר און ענטוואָפענונג

די פּאַניק, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט דורך דעם אַלאַרם וועגען דייטשלאַנדס פינאַנציעלער קאַטאַסטראָפע, הויבט זיך אָן צו בערוהיגען.

פראַנקרייך האָט צוריקגעהאַלטען דעם טעמפּאָ בנוגע געבען הילף דייטשלאַנד, וואָס איז אָנגעוואָרפען דער וועלט דורך אַמעריקא און איז אונטערגעהאַלטען געוואָרען דורך ענגלאַנד. „דער באַנקיר פון דער וועלט" — פראַנקרייך, וועלכע געפינט זיך איצט אין אַזאַ אויסגעצייכענטער פינאַנציעלער סיטואַציע, האָט געפונען פאַר פּאַסיג דווקא אין איצטיגען מאָמענט, ווען דייטשלאַנד איז געצוואונגען געוואָרען זיך צו ווענדען צו איהר וועגען מאַטעריעלער הילף, איינצוקנעלען אַ סדרה פּאָליטיק.

ס׳איז פאַר קיינעם נישט קיין ספק, אַז זייט נאָך דער מלחמה, ווען דייטשלאַנד איז געצוואונגען געוואָרען אונטערצושרייבען דעם ווערסאַילער טראַקטאַט, זענען געווען גרופּען, וועלכע האָבען געוואַרט, וועלכע האָבען געבענקט און אַפילו אָפּגעפיהרט אַ טעטיגקייט אין דער ריכטונג פון אַ רעוואַנזש־מלחמה. די דאָזיגע שטרעבונגען אין דייטשלאַנד זענען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואַקסען מיט דער צייט, ווען דייטשלאַנד איז געוואָרען זעלבסטשטענדיגער און זיך אָפּגעטרייסעלט פון די לאַסטען, וואָס זענען אויף איהר אַרויפגעלעגט געוואָרען אין ווערסאַיל.

די דייטשע פּאָליטיק האָט כסדר אָהן אָפּרוה צוריקגעשטעלט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, דייטשלאַנדס שטעלונג פון פאַר דער מלחמה. אָבער ווען אין דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבען צו וואַקסען די השפּעה פון די היטלער־לייט און דייטשנאַציאָנאַלע, וועלכע שטויסען דייטשלאַנד זיך אָפּצורעכענען מיט די אויסערליכע שונאים, ווען דייטשלאַנד האָט געפּרובט, מחוץ פון די אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרען, אָנצוהויבען אַנ׳אַקציע וועגען פעראייניגען זיך מיט עסטרייך, ווען דייטשלאַנד האָט נישט קוקענדיג אויף דער שרעקליכער פינאַנציעלער לאַגע, בעשלאָסען צו בויען נייע פאַנצער־שיפען, צו וועלכע אַפילו די סאָציאַליסטען האָבען צוגעלעגט זייער האַנד — האָט פראַנקרייך, אַלס דירעקט פעראינטערעסירטע אָנגעהויבען זיך צו פערטראַכטען אויף דער לאַגע, און ווען איצט דייטשלאַנד האָט פערלאַנגט הילף, האָט פראַנקרייך געענטפערט:

— „גוט, איך וועל געבען הילף, אָבער איך וויל מיך פערזיכערען, אַז דו וועסט נישט טראַכטען וועגען קיין מלחמה מיט מיר.

דערווייל קען זיך דייטשלאַנד נישט דעצידירען וועגען פּאָליטישע הנחות. די דייטשע רעגירונג האָט מורא פאַר דער איבעראַליכער שטימונג אין לאַנד און אפשר וועט דער קומענדיגער זונטאָג, דעם 9. אויגוסט, ווען ס׳קומט פאָר אין פּרייסען דער פּלעביסציט וועגען דעם, צי די פּרייסישע רעגירונג זאָל בלייבען — דעצידירען וועגען דעם וואָס פאַר אַ שטעלונג די דייטשע רעגירונג וועט אָננעהמען.

די פראַגע וועגען ענטוואָפענונג, וואָס איז דירעקט פערבונדען מיט דער מלחמה — געפאַהר שוועבט פאַקטיש זייט לאַנגע יאָהרען אין אייראָפּאַ. אויך דער פעלקער־ליגע האָט זיך ביז איצט איינגעגעבען צו ליקווידירען עטליכע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטען, איז נאָר געווען אַ דאַנק דעם, וואָס די מלוכות זענען נישט געווען אָריענטירט וועגען די כוחות פון זייערע געגנער. דאָס האָט אויך געבערענגט דערצו, אַז די מלוכות האָבען זיך כסדר בעוואָפענט, כדי איבערצויאָגען דעם געגנער.

אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע יאָהר, האָט מען כמעט אויף יעדע סעסיע פון דער פעלקער־ליגע גערעדט וועגען ענטוואָפענונג און צו קיין טאָלק האָט מען נישט געקענט דערגעהן. ס׳זענען געווען מלוכות, וואָס האָבען דעם פּראָבלעם פון ענטוואָפענונג אויסגעטייטשט אויף דעם אופן, אַז „אויב דו ווילסט זיך פערזיכערען פון אַ מלחמה, זיי גוט בעוואָפענט". וועגען אַ פולשטענדיגע ענטוואָפענונג האָט קיינער נישט גערעדט, אַ חוץ די דעמאָנסטראַטיווע פאָרשלאַגען פון סאָוויעט־רוסלאַנד, כדי אָבער צו בערוהיגען די וועלט און דאָס אייגענע געוויסען, ווערט מיט גרויס פּאָמפּע צוגעגרייט די אינטערנאַציאָנאַלע ענטוואָפענונגס־קאָנפערענץ אין פעברואַר 1932. טאַקע צו דער דאָזיגער קאָנפערענץ האָט דער סעקרעטאַריאַט פון דער פעלקער־ליגע פערעפענטליכט ציפערען, וועגען בעוואָפענונג אין אַלע לענדער. די דאָזיגע ציפערען זאָגען עדות, אַז ס׳איז נישט אויסגעשלאָסען די מעגליכקייט פון אַ מלחמה.

גרויס־בריטאַניען גיט אויס אין דעם יאָהר 94 מיליאָן 950 טויזענד פונט אויף אַרמעע, פלאָט און לופט־מאַכט. דאָס איז מיט 4 מיליאָן 83 טויזענד פונט ווייניגער ווי אין פריהערדיגען יאָהר.

פראַנקרייך גיט אויס 92 מיליאָן 291 טויזענד פונט. דאָס איז מיט לערך 10 מיליאָן פונט ווייניגער ווי מיט אַ יאָהר פריהער.

די פעראייניגטע שטאַטען געבען אויס 142 מיליאָן 319 פונט, בלויז מיט לערך איין מיליאָן ווייניגער.

איטאַליען האָט פערגרעסערט איהר בעוואָפענונגס־בודזשעט פון 52 מיליאָן 115 טויזענד אויף 55 מיליאָן 321 טויזענד פונט. דאָס הייסט, מיט איבער 3 מיליאָן פונט.

דייטשלאַנד האָט אויך פערגרעסערט איהרע הוצאות אויף וואָפען פון 34 מיליאָן 549 טויזענד, אויף 35 מיליאָן 817 טויזענד פונט, דאָס איז מיט איבער איין מיליאָן.

בעלגיען האָט אויך גאָר פערשטאַרקט איהר בעוואָפענונגס־בודזשעט פון 28 מיליאָן 714 טויזענד אויף 32 מיליאָן 145 טויזענד פונט. דאָס איז מיט לערך 3 מיליאָן 450 טויזענד פונט מעהר. פאַר אַזאַ קליין לאַנד ווי בעלגיען איז דאָס געוואַלדיג פיל. אָבער דאָס לאַנד איז גראַד אין דער פּאָזיציע, וואָס דאַרף זיך שטאַרקער צוגרייטען געגענצושטעהן געפאַהרען.

רומעניען האָט פערגרעסערט פון 11 מיליאָן 164 טויזענד אויף 12 מיליאָן 566 טויזענד פונט, אויך מיט 1 מיליאָן 400 טויזענד פונט מעהר.

יוגאָסלאַוויען גיט אויס 7 מיליאָן 843 טויזענד. דאָ איז מיט איבער 300 טויזענד פונט מעהר.

טשעכאָ־סלאָוואַקיען האָט פערקלענערט איהרע בעוואָפענונגס־הוצאות מיט אַ האַלבען מיליאָן פונט, אָבער זי גיט נאָך אויס 10 מיליאָן 468 טויזענד פונט.

פּוילען האָט אויך פערקלענערט מיט לערך 400 טויזענד אָבער די גיט נאָך אויס 19 מיליאָן 741 טויזענד פונט דאָס יאָהר אויף וואָפען.

וועגען סאָוויעט־רוסלאַנד ווערען געמעלדעט די ציפערען פון צוויי פריהערדיגע יאָהרען און אָט וואָס פאַר אַ בילד זיי שטעלען פאָר: אין 1928—1929 האָט סאָוויעט־רוסלאַנד אויסגעגעבען 93 מיליאָן 900 טויזענד פונט אויף בעוואָפענונגען; און אין 1929—1930 האָט זי אויסגעגעבען 122 מיליאָן 300 טויזענד. דאָס איז מיט 28 מיליאָן 400 טויזענד פונט מעהר.

אָט דאָס איז דער בעוואָפענונגס־בודזשעט פון די וויכטיגסטע לענדער, איבער וועלכע עס שוועבט די געפאַהר פון מלחמה. ווען אַזאַ געפאַהר וואָלט נישט געשוועבט, דאַן וואָלטען זיי זיכער נישט אויסגעגעבען אַזוי פיל צעהנדליגע און הונדערטע מיליאָנען פונטען פאַר בעוואָפנונגען. עס איז וויכטיג צו בעמערקען, אַז אַלע פעלקער געבען איצט אויס פאַר בעוואָפענונגען פיל מעהר, ווי פאַר דעם קריג.

וואָס ס׳וועט פון דעם דאָזיגען געיעג אין בעוואָפענען זיך אַרויסקומען קען מען דערווייל גאָרנישט וויסען. אָבער ס׳איז אַן׳אַלטער כלל, אַז דאָס אָנהויבען זיך בעוואָפענען האָט שטענדיג געפיהרט די פעלקער צו מלחמה. ווען מען האַלט אין איין אָנזאַמלען אויפרייס־שטאָפען מוז אין אַ מאָמענט, כמעט אין אַן׳אונערוואַרטעטען מאָמענט, פאָרקומען אַן׳עקספּלאָזיע.

אויב די פיהרער פון דער וועלט וועלען נישט קומען גיך צו פערנונפט וועט פאָרקומען אַ שוידערליכע קאַטאַסטראָפע.

—=:0:=—

מאַקסים גאָרקי וועגן אַנטיסעמיטיזם

(סוֹף *)

צו אָט דעם בריף וואָלטען מיר געקענט צוגעבען אַ גאַנץ היבשע רייהע פאַקטען, וואָס וואָלטען גענוג בעשטעטיגט, אויף וויפיל די אַנטיסעמיטישע שטימונגען האָבען זיך אַריינגעכאַפּט אין אונזער ליטעראַטור. אָבער איך וועל נישט בעהמען זיך צו אָט דער שמוציגער אַרבייט, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז מיט׳ן אונטערשטרייכען אַ נאַרישקייט אָדער מיאוס׳קייט וואָרצעלט מען נאָך בידע נישט אויס.

וועגען חבר גראַסימאָווס בריף דאַרף מען זאָגען אָט־וואָס: פאַר די פּילניאַקס זענען די געזעצען נישט געשריבען און עס איז בפירוש נוצלאָז אָנצוווייזען אויף דער אומאָנשטענדיגקייט פון זייער שטיק. אומאָנשטענדיגקייט איז דאָ, פערשטעהט זיך, אַ זעהר ווייך וואָרט, באָנטש־ברויעוויטש איז קוים אַנ׳אַנטיסעמיט לויט זיין שטימונג. ער איז פּשוט אַ שלעכטער ליטעראַט. דערפאַר שרייבט ער „יודישע פרויען", דאָרט וואו ער דאַרף זאָגען „בורזשויקעס". אָט די בעהויפּטונג מיינע פערענטפערט איהם נישט. זי בעשטעטיגט נאָכאַמאָל די אָפּט בעגעגענטע געמיינהייט פון דער שפּראַך אין דער ליטעראַטור, ווען עס גנב׳עט אַ רוס, זאָגען מיר: אַ גנב, האָט גע׳גנב׳עט, אָבער ווען עס גנב׳עט אַ יוד — זאָגען מיר: אַ יוד האָט גע׳גנב׳עט.

וועגען אַסטראָווערען און ענליכע וועל איך נישט רעדען. פאַרוואָס? דאָס איז שוין אויבען אָנגעוויזען. ער איז אַליין אַ יוד. כ׳וועל בלויז זאָגען, אַז עס זענען אויך דאָ רוסען, וואָס האַלטען פאַר נויטיג זיך אַביסעל צו פערשעהמען פאַר אייראָפּעער, ווען זיי דאַרפען מודה זיין, אַז זיי געהערען צו דעם פאָלק, וואָס האָט דער וועלט געגעבען לאָמאָנאָסאָווען, פּושקינען, טאָלסטאָיען, מענדעליעיעווען, פּאַוולאָווען, גלינקאַן, מוסאָרגסקין, רימסקי־קאָרסאַקאָווען, לענינען און אַ הונדערט אַנדערע גיגאַנטען. מען וואָלט דאָך געדאַרפט געדענקען, אַז אַ קראַנקע מאַמע קען נישט געבוירען געזונדטע קינדער. און, אַז שפּינאָזאַ, מייערבער, היינע, מאַרקס און אַנדערע פון דעם זעלבען טיפּ זענען אויך גיגאַנטען.

דער אַנטיסעמיטיזם איז אָדער אַ נאַרישקייט, אָדער אַ נידערטרעכטיגקייט. אַלס אַ נאַרישקייט איז דער אַנטיסעמיטיזם די מחלה פון די נאַראָנים. אָבער אַלע מענשען זענען גאַנץ נאַרעשוואַטע, ווען זיי ווערען געבוירען. אויב אַ מענש איז פּשוט נאַריש און נישט קיין אידיאָט לויט דער נאַטור, קען מען דעם דאָזיגען נאַר אויסהיילען. ווי אַזוי? מען דאַרף איהם גענוי און קלאָר דערצעהלען וועגען די קולטור־על־רעוואָלוציאָנערע פערדינסטען, וואָס סעמיטען, יודען און אַראַבער האָבען פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

בכלל גערעדט — וואָלטען נאַרישע מענשען געוואָרען אַ סך קליגער, ווען אימיצער זאָל זיי דערצעהלען וועגען דער טראַגישער געשיכטע פון דעם יודישען פאָלק און וועגען זיינע פערדינסטען אין דער ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דער קולטור.

אַלס אַ נידערטרעכטיגקייט פאָדערט דער אַנטיסעמיטיזם נישט קיין צו לאַנגע דערקלערונגען. אין דער איצטיגער בורזשואַזער געזעלשאַפט, ביי דעם פאַשיסטישען אָבער גענוג העלען גלאַנץ פון איהר פוילען, זענען די אורזאַכען און קוואַלען פון דעם אַנטיסעמיטיזם אויבענאויף. דעם רעליגיעזען ליגען, ווי מיט אַנ׳אויספּרובירטען און בעקוועמען געוועהר געגען די סעמיטען, אָבער זיין הויפּט־יסוד דער אַנטיסעמיטיזם בענוצט זיך מיט איז קרעמערישע קאָנקורענץ, די קרעמערישע קנאה און זשעדנעקייט. עס איז בעקאַנט און אומבעשטרייטבאַר, אַז די קרעמער פון אַלע לענדער זענען פערנומען מיט דערזעלבער זאַך, נעמליך: צו מאַכען גענעצליך די בערויבונג פון דעם האָרעפּאַשנעם פאָלק. עס איז נאַטירליך, אַז דער קריסט־קרעמער איז אין כעס אויף דעם יוד־קרעמער, אויב דער יוד קרעמערט ערפאָלגרייכער און קליגער פאַר איהם. פאַר דער זעלבער זאַך — פאַר דער קלוגשאַפט — האָבען קריסטליכע דענטיסטען, אַדוואָקאַטען, זשורנאַליסטען פיינד יודישע דענטיסטען, אַדוואָקאַטען, זשורנאַליסטען, די באַנקירען, די קייגלעך פון דער בורזשואַזיע, האַלטען אין זייערע הענד די בורזשואַזע פּרעסע און ווירקען דורך איהר אויף דער „געזעלשאַפט". זיי שפּריצען אַריין אונטער דער גראָבער הויט פון די קרעמער אַ פּאַסקודנעם אַנטיסעמיטישען סם. אָבער צווישען די באַנקירען, הויפּטלייט און פיהרער פון דעם אַלוועלטליכען רויב זענען דאָך דאָ נישט ווייניג יודען? דאָס איז ריכטיג, נאָר וועגען דעם אַביסעלע שפּעטער.

אַ פאָרוואָרט צו אַ ביכעל וועגען דער יודען־פראַגע, וואָס איז אַרויס אין יאָהר 1914, הויבט זיך אָן מיט אַזאַ פראַזע:

„דאָס פיל ליידענדיגע יודישע פאָלק, וואָס די גאַטשאַלסטוואַ און די אונטערשטע שיכטען פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט האַלט אין איין פערפאָלגען, איז קיינמאָל נישט געבליבען אומבעשיצט מצד דער אינטעליגענץ". דאָס איז אי אמת, אי נישט אמת. אין יענער צייט, אין 1913, ווען איך האָב דורכגעלייענט די דאָזיגע פראַזע, האָב איך זעהר געוואָלט צוגעבען צו איהר עטליכע פערבעסערונגען. נאָר איך האָב דאָס נישט געקאָנט טון צוליב טאַקטישע טעמים. עס וואָלט נאָך געקאָנט זיין שעדליך, ווייל איך בין דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון דער „געזעלשאַפט אויסצופאָרשען דאָס לעבען פון די יודען". די געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרען, כדי צו בעקעמפען דעם בלבול, וואָס האָט זיך געדיכט געגאָסען פון דער צאַרישער אַרמיי, און וואָס האָט בעשולדיגט די יודען אין אַלע עבירות — אַריינגערעכענט מאַסען־שפּיאָנאַזש לטובת די דייטשען. די געזעלשאַפט האָבען געגרינדעט אינטעליגענטען, און צוזאַמען מיט מיר איז געזעסען אַנ׳אינטעליגענט. וואָס האָט מיר געשעפּטשעט אין אויער אַריין: „און פאָרט, מוז מען זאָגען, אַז די דאָזיגע יודעלעך"... ווען איך וואָלט אויפגעדעקט דעם אידיאָטיזם פון איין מענש, וואָלט איך מסתמא נישט אויפגעריסען דער מיט די „הומאַנע" געזעלשאַפט, אָבער צום בעדויערן איז דער דאָזיגער אַנטיסעמיט נישט געווען דער איינציגער צווישען די מיטגלידער. ממילא האָב איך זיך געמוזט „מאַכען האַרץ" און בלייבען זיצען אין אָט דער אָרגאַניזאַציע, און בכלל ווייס איך גוט — צו גוט. אַז צווישען דער פאַר רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ זענען געווען גענוג צווייפעלהאַפטע „יודען־פריינד". דעם אַקטיווען אַנטיסעמיטיזם האָבען עפענטליך פּראָפּאַגאַנדירט אינטעליגענטען: פּראָפעסאָר פּיכנאַ, שולגין, שמאַקאָוו, פּורישקעוויטש און אַ סך אַנדערע ענליכע פּאַסקודניאַקעס.

איצט, פּונקט ווי פריהער אין משך פון 35 יאָהר, קריג איך בריף פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען, און לויט דער שפּראַך און דעם סטיל איז גאַנץ קלאָר, אַז דאָס שרייבען „אינטעליגענטע" מענשען. דער אַנטיסעמיטיזם פון אָט די בריף־שרייבער איז אויסער צווייפעל — ער איז גאַנץ אָפענהאַרציג. דאָס איז נאַטירליך, אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער איז שטענדיג אַנ׳אַנטיסעמיט, און עס איז קיין צווייפעל נישטאָ, אַז אויב דער אַנטיסעמיטיזם דרינגט אַמאָל אַריין אין דער מאַסע, קומט ער פון דעם זעלבען קוואַל. אונזער האָרעפּאַשנע מאַסע זאַפּט נישט נאָר אַריין ביסלעכווייז די אידעע פון אינטערנאַציאָנאַליזם, נאָר פערווירקליכט איהם פּראַקטיש דערמיט, וואָס זי אַרבייט פלייצע צו פלייצע מיט די פאָרשטעהער פון די פערשידענסטע פעלקער אין דעם ראַטען־פערבאַנד, ווי אויך מיט אייראָפּעאישע אַרבייטער.

קיין שום פּאָליטיש אויפגעקלערטער אַרבייטער,

(ווייטער זעה 15־טע זייט.)

*) זעה „נייער פאָלקסבלאַט" נומער 184.

לאדז, 7 אויגוסט 1931

נייער פאלקסבלאט

לאדז, 7 אויגוסט 1931

די פרומע יודישע וועלט אין מזרח־אייראפע

פון ש. ניגער

ארטאדאקסיע... וואס געהט זי אונז אן? הער איך פרעגען. איז דען נישט אונזער לאזונג — וועלטליכקייט? הייבט וואס ארט אונז, וואס עס טוט זיך דארט, ביי די „יארמולקע־יודען"? ווי קומען מיר זיך צו אינטערעסירען מיט זיי. וואס פאר א שייכות האבען מיר צו זיי? אזעלכע און עהנליכע פראגען האב איך געהערט שטעלען אויף ביידע זייטען ים. אבער דאס ווייזט נאר, אז אונזער קליינזעלדיגקייט בעהאלט זיך נישט אין א ווינקעל. זי פיהלט אן די גאנצע וועלט, און איהרע פרעטענזיעס ווייסען נישט פון קיין גרעניץ.

אין דער אמת'ן מוזען די פרומע און האלב־פרומע יודען אינטערעסירען יעדען איינעם, וואס פארשט דעם גאנג פונ'ם יודישען לעבען. שוין דער פאר אליין, וואס די ארטאדאקסיע איז נאך דער רוב מנין ורוב בנין פון דעם יודישען פאלק. זי איז נאך אלץ דער רעזערוואר, פון וועלכען עס שעפען אלע אנדערע ריכטונגען אינ'ם יודישען לעבען, אפילו די הייבט־וועלטיגקייט, אויב איהר איז בעשערט צו פערשטארקען זיך, קאן וואקסען נאר אויף איהר חשבון. דארף מען דאך זעהן, וואס זי פערמאגט. עס האט דאך קיין שום זין נישט צו מאכען זיך נישט־וויסענדיג פון יענער ענערגיע, וויכען מען וויל טראנספארטירען, וויל מען ווירקען אויף א טייל פאלק און העלפען איהם ענדערען זיין דענקען און פיהלען, מוז מען זיין בעקאנט מיט איהם אפילו א געגנער מוז מען קענען. אפילו א שונא איז נויטיג אויסצופארשען, כדי צו וויסען, וואו ועגען זיינע שטארקע פונקטען און וואו די שוואכע...

וואלטען דאך גראד די, וואס שרעקען זיך אזוי פאר רעליגיע און פרומקייט, געמוזט נאכפאלגען די ענטוויקלונג פון דער רעליגיעזער יודישקייט. גראד די, וועלכע גלויבען, אז זיי זענען געקומען זי צו פערטרייבען פון דער וועלט און זי צו ירש'ענען, — האבען געדארפט האלטען אין איין זאמלען מאטעריאל וועגען איהר, און איינשטודירען זי... איז נישט מארקס, דער בעגרינדער פונ'ם „וויסענשאפטליכען סאציאליזם", געווען דער, וועלכער האט זיך מעהר ווי אלע אנדערע אפגעגעבען מיט דער פארשונג פון קאפיטאליזם? מארקס האט געזאגט, אז מען מוז די וועלט איבערמאכען, נישט נאר קענען; ער האט אבער געוואוסט, אז מען מוז זי גוט קענען. די יודישע ארטאדאקסיע — דאס איז מיין אלגעמיינער איינדרוק — ווערט, פון איין זייט, שוואכער און פון דער אנדערער — שטארקער.

די אפשוואכונג פון פרומקייט האב איך בעמערקט שוין אין דער ליטע.

נישטא דארט די אמאליגע ריין־רעליגיעזע דערציהונג, אפילו די חדרים און די תלמוד־תורות ווערען, וואס ווייטער, אלץ מעהר עהנליך צו שולען, וואו מען לערנט וועלטליכע למודים, נישט נאר חומש און גמרא, און אפילו אין אט די האלב־רעליגיעזע שולען שיקען זייערע קינדער בלויז קליינע גרופעס פון דער יודישער בעפעלקערונג. נאר 12 פראצענט פון אלע יודישע קינדער אין דער ליטע זענען צום אנהויב שול־יאהר 1929־1930 געגאנגען אין די שולען פון „יבנה", וועלכע זענען האלב־וועלטליך און האלב־רעליגיעז. אלע איבעריגע קינדער האבען בעזוכט העברעאיסטישע, יודישיסטישע אדער פרעמד־שפראכיגע שולען, — אלץ אזעלכע דערציהונגס־אנשטאלטען, וואו יודישע רעליגיע ווערט געלערענט, אויב עס ווערט געלערענט, אויפ'ן שפיץ מעסער.

אין לעטלאנד איז דער פראצענט פון קינדער, וועלכע זענען אין יאהר 1928 געגאנגען אין די „אגודה"־שולען („תורה ודרך־ארץ")— געווען נאך קלענער — (9) ניין פראצענט אינגאנצען.

דאס נעהמט זיך, פריהער פאר אלץ, דערפון, וואס אלגעמיינע בילדונג איז געווארען א מוז־זאך אין די נייע מדינות. די מלוכה פאדערט אז מען זאל לערנען מיט די קינדער די שפראך, די געשיכטע פונ'ם לאנד, אז מען זאל לערנען מיט זיי אנדערע וועלטליכע למודים. און נישט נאר מלוכה אליין. די עקאנאמישע אומשטענדען צווינגען יודישע עלטערען צו טראכטען מעהר, ווי פריהער, וועגען א תכלית. בעגנוגענען זיך מיט'ן אלט־מאדישען חדר אדער קוועטשען די באנק אין דער ישיבה איז א קנאפער תכלית. אבער נישט נאר דאס אליין. עס האבען געווירקט אויך אנדערע, מעהר איבעוועניגסטע, אורזאכען... מען וויקט זיך שוין טאקע נישט אזוי אין פרומער יודישקייט. ווי פריהער, מען איז געווארען וועלטליכער. די מלחמה, די גירושים. די דייטשע אקופאציע, דער „שמוגעל". די אלע וואנדערונגען און וואלגענישען פון די לעצטע פופצעהן יאהר — האבען צוטרייסעלט דעם אלטען יודישען לעבענסשטייגער. עס איז נישטא שוין

---

*) דער בעריהמטער ליטעראטור־קריטיקער און פובליציסט ש. ניגער, וועלכער וואוינט אין די לעצטע יאהרען אין אמעריקא, האט מיט עטליכע חדשים צוריק בערייזט פוילען און ליטע און זיך בעקאנט מיט'ן יודישען לעבען פון נאך מלחמה־צייט אין די ביידע לענדער.

אין היינטיגען ארטיקעל גיט ש. ניגער איבער אין א טרעפליכער כאראקטעריסטיק זיינע איינדריקען וועגען דער נייער בעוועגונג ביי דער יודישער ארטאדאקסיע.

די אמאליגע פעסטקייט און זיכערקייט ביי דעם פרומען יודען. ער ווייסט, אז עס זענען געקומען נייע צייטען, נייע פיהרונגען, נייע מענשען, און אפילו דאן, ווען ער אליין בלייבט טריי דער אלטער רעליגיעזער טראדיציע, איז ער שוין נישט שטארק מקפיד אויף אנדערע.

עס ווערט אין ליטע און אין לעטלאנד בעשאפען א טיפ יוד, וואס איז זעהר עהנליך צו דעם פראווינציאנעלען יודען אין אמעריקא. ער איז טאקע פערשריבען אין שוהל און אין דער אדער יענער יודישליכער חברה. אבער ער דאווענט נישט און איז נישט פרום...

וועגען דער יוגנט־ווארג איז אפגערעדט. זי געהט אין מאדערנע שולען (אפילו די „אגודה"־שולען זענען דאך שוין האלב־וועלטליך). זי לעבט שוין נישט מעהר אין דער לופט פון דעם אמאליגען חדר און דער אמאליגער ישיבה. זי האט אנ'אנדער אויסזעהן, אנדערע אינטערעסען און אנדערע סימפאטיעס, ווי די פערצייטיגע חדר־יונגלעך און ישיבה־בחורים....

עס זענען, קורץ, דא אהן א שיעור שפאלטען אין דער פעסטונג פון דער ארטאדאקסיע, און זי ווערט בעלאגערט פון אלע זייטען. דאך וואלט געווען דער גרעסטער טעות צו טראכטען, אז זי געהט אונטער. ניין, פערקעהרט, זי זוכט זיך צוצופאסען צו די נייע אומשטענדען. זי ווייזט ארויס א גרויסע לעבענס־פעהיגקייט, אנ'אומגעריכטע בעוועגליכקייט — און זי גיט זיך נישט אונטער. זי איז גרייט אפילו זיך צו ענדערען, איינצוזעהן אויף רעפארמעס און „מאדערניזירט" צו ווערען. אבי צו בלייבען לעבען, אבי איינצוהאלטען איהרע אלטע פאזיציעס און געווינען נייע.

וואס בעדייטען דען די אלע לעצטע, פאליטישע און ריין־רעליגיעזע ארויסטרעטונגען פון דער „אגודה", אויב נישט קיין פרוב אנצוווענדען נייע, מעהר מאדערנע, מעטאדען אינ'ם קאמף פאר דער מאכט פון דער ארטאדאקסיע?

נישט נאר אין פוילען שליסען די פרומע יודען אפמאכען מיט דער רעגירונג, כדי צו קאנען שטיצען זיך אויף איהר אין זייער אינעווייניגסטען קאמף פאר הערשאפט. עהנליכע זאכען קומען פאר אויך אין די באלטישע מלוכות. אזוי, א שטייגער, האבען די רבנים אין דער ליטע פועל געווען ביי דער איצטיגער רעגירונג, אז זיי זאלען האבען די השגחה אויף דעם למוד פון דת אין די יודישע שולען. ווי בעוואוסט, איז רעליגיע דארט א מוז־זאך אין אלע טיפען שולען — אין די יודישיסטישע און העברעאיסטישע אזוי גוט ווי אין די שולען פון „יבנה", מען מוז לערנען מיט די קינדער עפעס, וואס האט א שייכות צו אמונה (מען איז געוועהנליך יוצא מיט תנ"ך). אויב מען וויל געניסען די רעכט פון רעגירונגס־שולען, האט די ארטאדאקסיע אויסגעפיהרט, אז איהרע פארשטעהערס זאלען אכטונג געבען אויף אט דעם למוד, זיי גיבען זייער הכשר אויף די לעהרער פון רעליגיע און זיי זיצען ביי די עקזאמענעס. ביים למוד פון תנ"ך טוען די קינדער אן יארמולקעלעך. מיר איז עס אויסגעקומען צו זעהן אין דער העברעאישער גימנאזיע אין קאונע, די קינדער פון די „יבנה"־שולען (אזוי האט מען מיר דערצעהלט) זיצען די גאנצע צייט אין היטלען, אפילו דאן, ווען מען לערנט רעכנען אדער געאגראפיע.

די יודען פון אלטען שניט האבען זיך, אלזא, נישט מיאש געווען, ווען זיי האבען אנגעוואוירען זייער זיכערסטע פעסטונג — דעם חדר. זיי טוען אלץ, וואס זיי קאנען, כדי צו האבען א ווירקונג אויף די נייע יודישע דערציהונגס־אנשטאלטען.

זיי האבען גענומען קנעלען מיט די טעכטער, ווען זיי האבען דערזעהן, אז די זיהן גליטשען זיך ארויס פון זייערע הענד. ווער האט אין פוילען אמאל געטראכט וועגען רעליגיעזע יודישע שולען פאר מיידלעך? די פוילישע חסידים האבען זיך בעגנוגענט מיט די לאנגע קאפאטעס, די שמאלע היטלעך און די פאות'לעך פון די משה'לעך און די איטשע מאיר'לעך. מיידלעך האט מען געלערענט פויליש, מען האט זיי געלאזען טון, וואס זיי האבען געוואלט. זיי זענען געווען אזוי ווי יפטור פון יודישקייט. איצט האט מען זיך ארומגעזעהן, אז ס'טויג נישט. און מען האט גענומען בויען ספעציעלע שולען פאר מיידלעך — די בנות־יעקב־שולען.

דא האב איך עס דערמאנט נאר ווי א ביישפיל פון דעם נייעם גייסט, פון דער יודישער ארטאדאקסיע, דאס איז דאך דורכאויס א נייער שטריך אין דער אלטמאדישער יודישער דערציהונג. זי האט פון תמיד אן זיך אפגעגעבען נאר מיט'ן מאנסבילשען טייל פון פאלק. ביי אונז זענען געווען נאר חדר־יונגלעך און ישיבה־בחורים. רעליגיעזע שולען פאר מיידלעך — דאס איז א נייעס ביי אונז. דאס איז א פראדוקט פון דער נייער צייט. א רעזולטאט פון דער נעא־ארטאדאקסיע; זי וויל זיך קאמפעניר'ען פאר איהר אפגעשוואכטער ווירקונג אויף דער מאנסבילשער יוגענד, ווער ווייסט, אפשר וועט די יודישע רעליגיעזע פיהרערשאפט זיך שטיצען פון איצט אן, אזוי ווי, להבדיל, דער קאטאליציזם, מעהר אויף פרויען, ווי אויף מענער?

דער ארטאדאקסישער פרויען־צוזאמענפאהר, וועלכער איז אפגעהאלטען געווארען אין ווארשא, מיט אזא פאראד און טומעל, איז א צייכען פון דער צייט. עס וואלט געווען נאריש צו מאכען חוזק דערפון און צו שרייבען וועגען דעם אין א לייכטען טאן. דאס איז א נייע קראפט אין דעם יודישען לעבען פון פוילען. דאס איז דער שארפסטער אויסדרוק פון דעם מאדערניזירונגס־ און צופאסונגס־פראצעס, וועלכען עס מאכט איצט דורך די חסידיש־ארטאדאקסישע וועלט. די „בנות אגודת ישראל" זענען שוין נישט די ווייבער, וואס קוקען אריין דורך די פערשטויבטע פענסטערלעך אין דער מאנסבילשער שוהל און ענטפערען אמן. ווען דער חזן דארט אונטען זאגט עפעס א ברכה. די בנות אגודת ישראל ווע לען אינגיכען האבען זייערע אייגענע „חזנים". זיי וועלען האבען מעהר ווירקונג אויפ'ן לעבען פון דער יודישער ארטאדאקסיע. ווי זי האט געהאט אויף זיי. נישט אומזיסט האבען זיי אנגעהויבען א פראפאגאנדע פאר יודיש, זיי ווילען דורך יודיש זיך דערנעהנטערען צוריק צום יודישען פאלקס־לעבען, און זיי ווילען עס נישט נאר צוליב זיך אליין. דאס איז נישט בלויז א מלחמה מיט דער פערפוילישונג פון דער חסידישער טאכטער. דאס איז אנ'אויסדרוק פון דעם פערבארגענעם וואונש צו ווירקען אויפ'ן גאנצען יודישען לעבען, נישט בלויז אויף די פרויען אליין.

פויליש האט אין דער חסידישער פאמיליע אפגעטיילט די פרוי פונ'ם מאן — פסיכאלאגיש און קולטורעל: זיי זענען געווארען צוויי גאר בעזונדערע וועלטען, איצט אז די בנות יעקב די בנות אגודת ישראל ווילען ווערען א כוח אינ'ם יודישען לעבען, מוזען זיי זיך אומקעהרען צו דער שפראך פונ'ם יודישען לעבען. נישט פויליש און נישט העברעאיש קאן געבען דער פרומער יודישער פרוי אין פוילען א מעגליכקייט צו ווירקען אויף ברייטערע קרייזען, דאס קאן טון יודיש און נאר יודיש.

אגב, איז דאך יודיש די טראדיציאנעלע שפראך אין וועלכער די יודישע פרוי האט זיך אויסגעלעבט רעליגיעז, אין משך פון הונדערטער יאהרען. די אויפוואכונג פון דער רעליגיעזער אקטיוויטעט פון דער יודישער פרוי האט געמוזט פערבונדען ווערען מיט אנ'אויפגעוואכטען אינטערעס צו יודיש.

אבער נישט דאס בין איך אויסען אין דעם מאמענט, איך האב געוואלט נאר אנווייזען אויף דעם פאקט וואס די אפגעשוואכטע ארטאדאקסיע פאלט נישט אראפ ביי זיך. האט זי אנגעוואוירען אין איין ארט, זוכט זי צו געווינען נייע כוחות אין אנ'אנדער ארט.

זי שעהמט זיך נישט צו מאבילזירען די פרויען פאר איהרע קאמפס־צילען — און זי זוכט זיך צו פערשטארקען דורך פערבינדונגען מיט נייע געזעלשאפטליכע אידעען, נישט בלויז מיט א נייעם געזעלשאפטליכען שיכט, „פועלי אגודת ישראל" אדער „דת ועבודה" זענען פונקט אזא צופלוס פון נייע בלוט אין די אלטע אדערען פון דער ארטאדאקסיע, אזוי ווי די „בנות יעקב" אדער די „בנות אגודת ישראל". די צווייטע קאנפערענץ פון די פועלי אגודת ישראל, וועלכע איז פארגעקומען אין ווארשע און אין וועלכער עס האבען אנטייל גענומען הונדערט אכציג דעלעגאטען פון הונדערט פינף און צוואנציג פוילישע שטעט און שטעטלעך, — האט זיך געעפענט מיט די קלאנגען פון דעם רעליגיעזען ארבייטער־הימן:

> „נישט פערצווייפלען, נישט זארגען,
> מיר קינדער פון מארגען,
> אויב טונקעל איז דער היינט,
> דער מארגען פאר אונז שיינט,
> זינגען מיר א לויב־געזאנג.
> אין דיר, גאט, אין דיר, גלויבען
> מיר".

און דאס איז דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון פרומער יודישקייט. ווען די יוגענד זינגט צו גאט א לויב־געזאנג ביים הילכיגען האמער־קלאנג... דאס איז דער ערשטער פרוב פון דער יודישער ארטאדאקסיע צו פיהרען א ספעציעלע פראפאגאנדע צווישען דער ארבייטער־יוגענד (די „פועלי אגודת ישראל" גיבען ארויס א ספעציעלען יודישען ארגאן „דער יודישער ארבייטער") —אויפ'ן שטייגער פון דער קריסטליך־סאציאלער פארטיי...

דאס צייגט אז די פיהרערס פון דער ארטאדאקסישער יודישקייט פיהלען זיך נישט אזוי שטארק און אזוי זיכער, ווי אמאל; פון דער אנדערער זייט אבער ווייזט דאס, אז זיי האבען די פעהיגקייט צוצופאסען זיך צו נייע אומשטענדען, און דאס איז אהן קיין שום ספק אנ'אויסדרוק פון לעבענס־פעהיגקייט.

א פרעהליכערע ענגלאנד

פון לעא קעניג

דער ענגלענדער הויבט אן צו שמייכלען; דער ענגלענדער בייט זיך...

ס'איז געווען א צייט ווען דער ענגלענדער האט געדאנקט גאט פאר דעם ים־גארטעל, מיט וועלכען זיין אינזעל איז געגורט; פאר זיינע כמורנע הימלען; פאר דער מתנה פון קענען שווייגען, מיט וועלכער דער אויבערשטער האט איהם בעשאנקען.

און אפט האבען מיר געהאט דעם איינדרוק, אז אפילו מיט זיינע פאגעס איז ער געווען שטאלץ: נו טאקע, וואו נאך געפינט מען אזעלכע דיקע און פערשידען קאלירענדיגע פאגעס, ווי ביי אונז אין ענגלאנד — גרינע, געלע, שווארצע און ארבעס־זופ פאגעס. היינט, ווער קען זיך אזוי קארעקט, געלאסען „גלייך ווי גארנישט" שפאצירען אין דער דיקסטער פאגע ווי דער ענגלענדער? ס'איז איבערהויפט נישטא אזא קליינינקייט מיט וועלכע שטאלצע נאטורען זאלען נישט קענען שטאלצירען.

און אז די ענגלענדער האבען געקוקט אויף זיך ווי אויפ'ן „זאלץ פון דער ערד" איז דאך בעוואוסט.

אלע פעלקער גלויבען, כידוע, אז זיי, און זיי אליין זענען דאס אויבערשטע פונ'ם שטייסעל. און דער ענגלענדער האט שטענדיג געגלויבט און גלויבט נאך איצט, אז ער איז דאס אויבערשטע פונ'ם אויבערשטע פונ'ם שטויסעל אליין. די סאמע שמאנד פון דער מענשהייט.

„אין דעם פרט פון אתה בחרתנו — האט בעזאגט דער בעריהמטער ענגלישער היסטאריקער

לארד מאקאלי — קענען די ענגלענדער געגליכען ווערן צו די יודען".

און דאס זאגט שוין זעהר פיל.

אבער אין די לעצטע נאך־מלחמה־יאהרען האט זיך דער ענגלישער כאראקטער גענומען ביסלעכווייז בייטען. דאס בעמערקען און זאגען די ענגלענדער אליין. א טייל — די קאנסערוואטיווערע פערשטעהט זיך, — זענען דערמיט נישט צופרידען (קאנסערוואטארען זענען בכלל נישט צופרידען פון וועלכען ס'איז בייט); און די ראדיקאלערע ענגלענדער האבען א פנים יא אביסעל חשק אויסצוזעהן קאנטינענטאלער, פרעהליכער, „נישט אזוי ענגליש"...

ס'איז שוין א שעהנע פאר יאהר ווי עס געהט דא ביי אונז אן א שטארקע פראפאגאנדע פאר „א פרעהליכערען לאנדאן". בעזונדער אין דער פאפולערער פרעסע, און עס בעקומט זיך אפט דער איינדרוק, ווי דער קאלטער, געלאסענער ענגלענדער וואלט געשטאנען ביי א שפיגעל און זיך געלערענט שמייכלען, און אפילו א לאך טון.

מאכט ליכטיגער און פרעהליכער לאנדאן.

לאנסבורי, דער אלטער לעבעדיגער ארבייטער מיניסטער האט איינגעפיהרט א „לידא" אין הייד פארק.

און עס איז שוין דערגאנגען אזוי ווייט, אז מען קלערט שוין צו ערלויבען טרינקען ביר ביי טישלעך אין די פארקען (ווי אין דייטשלאנד). און ווער ווייסט, עס קען זיך נאך מאכען, אז מיט דער צייט, זאלען מיר האבען דא אין לאנדאן קאפע־הייזער מיט טעראסען אויף די גאסען, אזוי ווי אין אלע גרויסע פרעהליכע אייראפעאישע שטעט.

דאס איז בערעכט זיך, דער ענגלענדער הויבט אן צו שמייכלען.

דער שטאלצער ענגלענדער הויבט שוין אן אויך מאכען פערשידענע הנחות און פערלייכטערונגען פאר טוריסטען. אנשטאט צוויי חדשים וועט שוין יעדער טוריסט קענען דא וואוינען דריי חדשים נישט רעגיסטרירטערהייט.

און וואס ס'איז נאך פיל כאראקטעריסטישער און סימפאטישער: די טוריסטען, וואס קומען אהער ווערען שוין אפיציעל נישט בעטראכט ווי „עליענס" (פרעמדע) נאר ווי „וויזיטארס" (געסט).

וואס פאר א געוואלטיגע ענדערונג דאס אליין איז שוין אינ'ם ענגלישען כאראקטער, ווען מען דערמאהנט זיך, אז דער ענגלענדער זעהט „עליענס" אפילו אין פראנקרייך, דייטשלאנד און אין אלע אנדערע לענדער.

און דא פלוצלונג געהט ער אין זיין אייגענער היים פרובען קוקען אויף טוריסטען נישט ווי אויף עליענס, נאר ווי אויף געסט.

דארף מען א בעסערען בעווייז נאך, אז דער (ווייטער זעה 12־טע זייט).

גויאישע „זקני-ציון"

פון
ש. ראזענפעלד

דער פאַרשייטער, הפקרותדיגער און ליגנערי-שער אַנטיסעמיטיזם האָט געשאַפען אַ געפעהרליכען בלבול אויף יודען ,דער בלבול בעשטעהט אין דעם, וואָס ער דערצעהלט אַז די חשובסטע, איינפלוסרייכסטע יודען פון דער גאַנצער וועלט, זענען זיך צו-נויפגעקומען אויף אַ געהיימען קאָנגרעס, און אויף דעם געהיימען קאָנגרעס האָבען זיי בסודי סודות אויסגעאַרבייט פלענער, ווי אַזוי איינצונעהמען און צו בעהערשען די גאַנצע גויאישע וועלט, אין אַלע פרטים: ווי אַזוי צו העצען איין פאָלק געגען אַנ-דערען; אַרויסרופען מלחמה פון איין פאָלק געגען אַנדערען ;ווי אַזוי ארייננצוכאפען דעם וועלט-האנ-דעל און די וועלט-אינדוסטריע אין די אייגענע הענט א. ד. גל. און דאָס אַלץ זאָל, באַטירליך, געטון ווערען אין געהיים. און אין יעדען לאַנד דורך אַ-זויבע מיטלען, וואָס זענען פאַר יענעם לאַנד פאסי-גער. אין רוסלאנד, למשל, דורך דעם קאָמוניזם; אין אַמעריקאַ — דורך גרויסע קראַכען אין וואָל-סטריט א. אַז. וו. און עס דאַרף בישט אויסגעלאָזט ווערען קיין איינציגע מעגליכקייט אויף קיין איינציגע גע-ביט אין לעבען פון דער מענשהייט, וואָס זאָל נישט אויסגענוצט ווערען פאַר דעם צוועק — די וועלט זיך אונטערטעניג צו מאַכען. די אַנטיילנעהמער פון דעם קאָנגרעס האָבען זיך געגעבען דעם נאָמען „זקני ציון", וואָס בעטייט די עלטסטע, אָדער וויכ-טיגסטע פון ציון. און די „פּראָטאָקאָלען" פון דעם קאָנגרעס זענען עס ,כלומרשט אַריינגעפאַלען אין די הענט פון די פיפיגע אַנטיסעמיטען, און אַזוי אַרום איז די וועלט געוואָהר געוואָרען וואָס פאַרע שונאים יודען זענען די וועלט און וואָס פאַר אַ בייז זיי ווילען בריינגען אויף דער וועלט: וואָרים אין די פּראָטאָקאָלען פון די „זקני ציון" איז אַלץ פאַראויסגעזעהען, אַלץ פאַראויסבעשטימט.

איז לאַנג שוין בעוויזען געוואָרען אַז די גאַנ-צע מעשה איז אַ ליגען, יודען האָבען קיינמאָל נישט געוואוסט פון קיין „זקני ציון" און קיין שום „זקני-ציון" האָבען קיינמאָל קיין געהיימע קאָנגרעסען נישט געהאַט; קיינמאָל האָבען יודען נישט געהאַט, נישט דעם ווילען און נישט די מינדסטע מעגליכ-קייט די וועלט זיך אונטערטעניג צו מאַכען, און קיינמאָל האָט די יודישע שטים נישט בעוואויגען קיין שום פאָלק צו מלחמה און צו חורבן. יעדער בר-דעת האָט איינגעזעהען דעם אַבסורד פון דעם בלבול און די אומגעלומפערטקייט פון'ם אינהאַלט פון די כלומרשטע „פּראָטאָקאָלען". פון דעסטוועגען לאָזט זיך נישט זאַגען, אַז די וועלט האָט איינגע-זעהען דעם ליגען פון דעם בלבול. נישט-נישט — און פאַרט שפּרינגט אַרויס, היינט איינער און מאָר-גען אַנ'אַנדערער, מיט אינטריגעס און רכילות געגען אונז. געבויט אויף דער באָבע-מעשה, וואָס הייסט „זקני ציון". נישטאָ די צרה, די אַנשיקעניש און די בויט, וואָס געוויסע מענשען זאָלען נישט וועלען ערקלערען מיט דער טעטיגקייט פון די „זקני ציון". דער קייזער ווילהעלם, און דער מופטי, שולגין און היטלער — אַלע זיי און זייער גלייכען „קאָפּירען" דייערע בעשולדיגונגס-אַקטען געגען אונז און פון אָט יענע „פּראָטאָקאָלען" פון די „זקני ציון", און זיי געפינען גלויביגע — ווייל דער סוד אין וועלכען מ'הילט איין די „זקני ציון" און זייער טעטיגקייט; דאָס אומעטום - זעהענדיגע און פאַראויסזעהענדיגע און אומגעזעהענע אויג פון די „זקני ציון" שאַפט אַ מיסטישע בעציהונג צו זיי און וואַרפט-אַן אַ שרעק אויף אַלע יענע — און זיי זענען כלל נישט ווע-ניג — וואָס זענען פעהיג זיך צו לאָזען בעאיינ-פלוסען פון מעשיות וועגען אומעטום-זעהענדיגע און אין ערגיץ-נישט-געזעהענע מענשען, און אויפצו-בעהמען מיסטישע שרעק פאַר אַזוינע אויסטערלישע איבערנאַטירליכע בעשעפענישען.

וואָלטען מיר, יודען, עס דאָך געדאַרפט וויסען אַז מעשיות וואָס ווערען דערצעהלט פון געהיימע, אַלוועלטליכע, אומעטום-זייענדיגע, אַלץ-זעהענדיגע אָרגאַניזאַציעס, זענען ליגען; אַז אַלץ, וואָס ווערט דערצעהלט וועגען גוואַלדיגע קרעפטען, וואָס ווירקען אין געהיים געגען אונז וואָס באַזידען אויף אומגעלומפּערטע דרשות און פּרימיטיווע אויסטייטשונגען פון פסוק, זענען נישט ווערט אַז קולטור-מענשען זאָלען לייגען וועלכען עס איז געוויכט אויף זיי — און שרעקען מיט זיי די יודישע וועלט עס איז אָבער נישט אַזוי.

אַזוי, ווי געזאָגט, וואָלט עס געדאַרפט זיין: עס איז אָבער נישט אַזוי.

דערום הערען מיר דעם ה' איתמר בן-אבי, ווי ער דערצעהלט אונז אין „דואר היום" אַ שוידער-ליכע געשיכטע וועגען אַ מין גויאישער חברה „זקני ציון" וואָס טוט באַר און גראָבט אונטער דעם יועלט-יודענטום און דעם ציוניזם; זי בעמיהט זיך אַפילו צוצונעהמען פון אונז דעם נאָמען יוד — ווייל די אמת'ע יודען, די ריכטיגע „בני ישראל" זענען באַר די ענגלענדער, און אָט די חברה זי איז שול-דיג אין דער גאַנצער שנאה און געגנערשאַפט מיט וועלכער די וועלט בכלל און ענגלאַנד בפרט בע-האַנדעלט אונז איצט.

עס האַנדעלט זיך אום אַ געזעלשאַפט „אַנגלאָ-ישראל", פאַר דער מלחמה און די ערשטע צייט נאָך דער באַלפור-דעקלאַראַציע איז די געזעל-שאַפט, — וואָס האָט מעהר ווי פיר מיליאָן מיט-גלידער ,אין ענגלאַנד, און מיליאָנען מיטגלידער אין אַמעריקאַ — געווען זעהר פריינדליך צום ציוניזם און צו יודען. אָבער נאָך די ערשטע אומרוהען אין ארץ-ישראל, אין די יאָהרען 1920-21 .אָט זי אָנגעהויבען ווערען פיינדליך צו יודען, קודם כל האָט זי אָפּגעקויפט דאָס מיסיאָנערישע וואָכענ-בלאַט: „דגל ישראל" (ווי די צייטונג און די אַנ-דערע צייטונגען, וואָס ווערען דערביי דערמאָנט הייסט ,אויף ענגליש, ווערט נישט אָנגעגעבען), וואָס איז געווען פּראָ-ציוניסטיש און האָט עס פעראייניגט מיטן וואָכענבלאַט „אומת-הברית". און די צייטונג האָט אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען דעם געדאַנק ,אַז דאָס „אויסדערוועהלטע פאָלק" זענען נישט די יודען נאָר די ענגלענדער, וואָס קומען אַרויס פון די „עשרת השבטים", איז דער געדאַנק נישט נײ. שוין כמה דורות אַז פון צייט צו צייט קומען ענגלענדער וואָס בעמיהען זיך צו בעווייזען אַז די „עשרת השבטים" דאָס זענען זיי. ניי איז דאָ אָבער דאָס וואָס די לעצטע יאָהרען האָבען די פיהרער פון דער בעוועגונג וואָס צעוואַקסט זיך זעהר שנעל אָנגעהויבען אַרויסווייזען האַס צו אונז. „נישט די עשרת השבטים האָבען געפאָדערט יעזוס-עס טויט — ערקלערט די צייטונג — באַר די שבטים: יהודה און בנימין, און אין אַ ריזען-מודעה אין ניו-יאָרקער און לאָנדאָנער צייטונגען, וואָס האָט אָפּגעקאָסט הונדערטער טויזענדער פונט, האָט די געזעלשאַפט ערשט מיט אַ האַלב יאָהר צוריק ער-קלערט: „מיר, די יורשים פון די עשרת-השבטים, האָבען קיין שום שייכות נישט מיט די, וואָס רו-פען זיך יהודים, אונזערע עלטערען זענען געווען ישראלים, און מיר זענען „בני ישראל". „די גע-פאַהר — שרייבט בן-אבי — ליגט אָבער נישט אין דער רעליגיעזיטעט פון דער בעוועגונג, נאָר אין איהר פּאָליטיק. איהר צייטונג: „די נאַציאָנאַלע בשורה" (וואָס האָט איינגעשלונגען אי דעם „דגל ישראל", אי די „אומת הברית") רופט זיך אָפּ אויף אַלע פּאָליטישע ערשיינונגען, און איהרע הונדער-טער טויזענדער לעזער לייענען וואָך-איין, וואָך-אויס העץ-אַרטיקלען געגען יודען, געגען ציוניזם און פאַר דעם — אַז ענגלענדער — זיי זענען די אמת'ע יודען.. .און ווייסט מען, אַז די גאַנצע געזעלשאַפט און איהר פרעסע שטעהט אונטער'ן איינדרוק פון'ם בערי-המטען, מיסטעריעזען לאָורענס — אונזער גע-פעהר-ליכסטער שונא אין אַראַביע און אין ענגלישען קאָלאָניאַל-ביוראָ — ווערט קלאָר, פאַרוואָס די א״י רעגירונג איז געגען אונז און געגען ציוניזם; פאַר-וואָס דער קאָלאָניאַל-ביוראָ איז אַזוי אַנטיסעמי-טיש און אַנטי-ציוניסטיש, — ווייל אויב די ענג-לענדער זענען עס די אמת'ע „בני ישראל" געהערט אויך זיי, לויט'ן פסוק, ארץ-ישראל.

און דאָס ווערט איבערגעגעבען מיט לאַנגע צי-טאַטען פון דער מיסיאָנערישער צייטונג און מיט אַ זאָלאַ'אישע קעפּעל: „איך בעשולדיג ווידער"!..

עס איז קיין צווייפעל נישט, אַז די ענגלענדער, וואָס זענען אַדורכגעדרונגען מיט מיסיאָנערישע מיינ-דענצען און אַנשויאונגען, וואָס זייער טיפסטע שטרע-בונג איז, — וואָס מעהר יודען אויסצושמד'ען, אַז זיי זענען נישט קיין פריינד פון ציוניזם. זיי דאַרפען אַ הייליג לאַנד — אַ הרוב לאַנד, פול קברים, אמת'ע און צווייפעלהאַפטע, איבער וועלכע נאָר די קדושה קאָן שוועבען. אַ לעבעדיגע לאַנד, אַ געבויטס, אַ צואַקערטס, אַ פערזייעטס און אַ פער-פלאַנצט, איז קיין אָרט נישט פאַר קיין קריסטליך-פערשטאַנענע, הייליגטימער.

„זקני-ציוניסטיש" איז עס אָבער, ווען מ'פער-טומעלט אַ וועלט מיט דער מיינונג, אַז די ענגלישע מלוכה-מענער לאָזען זיך פיהרען פון די מיסיאָנער-רישע דרשות, וואָס בעווייזען, אַז די ענגלענדער זענען עס די „עשרת-השבטים". די אמת'ע „בני-ישראל".

„זקני-ציוניסטיש" איז עס, ווען אנשטאָט אָנצו-ווייזען אויף די ווירקליכע סיבות פון די טרויעריגע געזעלשאַפטליכע שטערונגען, צי נאַציאָנאַלע ערשיי-נונגען, פערטומעלט מען די מוחות מיט נישטיגע, אומוויכטיגע קלייניגקייטען, וואָס האָבען גאָר קיין שייכות נישט צו די ערשיינונגען, וואָס דאַרפען בע-קעמפט ווערען....

„זקני-ציוניסטיש" איז עס, ווען מען ציהט אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק, פון די ווירק-ליכע, אַלמעכטיגע שונאים אונזערע, און מ'קומט זי קאָנצענטרירען אויף די מיסיאָנערישע כניאָקעס מיט זייער וואָכענבלאַט — גלייך ווי דאָס זײ זײ דער קוואַל פון אַלע שוועריגקייטען אין ציוניסטישען אויפבוי.

קיין צווייפעל נישט; די פּראָבלעמען, פאַר וועל-כע נ'ער ציוניזם שטעהט איצט, זענען זעהר און זעהר ערנסטע, זעהר און זעהר שווערע, געוויס שטייגט זייער שווערקייט אויך דערפון, וואָס נישט אַלע די, וועלכע האָבען אַ שייכות צו די פּראָבלעמען — בעהמט כאָטש דאָס באַדען-פּראָבלעם — זענען אָבער אויך פאַר זיך געגומען, געגוג ערנסט, אַפילו ווען לויטער פריינד וואָלטען געקומען זיי צו לער-זען, וואָלט עס אויך נישט גרינג אַנגעקומען. צוויי-שען געגנער און שונאים קומט די לעזונג אָן נאָך שווערער. און קומען מיר צו בעקעמפען די געגנער אונזערע אויפ'ן געביט פון די דאָזיגע פּראָבלעמען, דאַרפען מיר קענען אונזערע אמת'ע, ווירקליכע געגנער און נישט פערבלאָנדזשען צווישען מיסיאָנער-רען, וואָס קומען געגען אונז מיט פסוקים אין מויל.

און דערצו איז די צאָהל פון אונזערע אָפענע שונאים גרויס גענוג, און מיר דאַרפען נישט ערשט זוכען קיין ציטאַטען-פּראָטאָקאָלען פון וועלכע עס איז קריסטליכע, צי „גוי'אישע זקני-ציון"...

די אפערע פון הייליגן דורך קרייטעכצער און כשוף

—=:)O(:=—

פון ד"ר. יעקב האנדזעל

אַ לאַטייניש שפּריכוואָרט זאָגט: „מונדוס וואולט דעציפי, ערגאָ דעציפּיאַטור": „די וועלט וויל מ'זאָל זי בעטריגען, בעטריגט מען זי". עס איז גרויס דער פחד צו פערלירען דאָס לעצטע מיטעל אינ'ם איצטיגען שווערען קאַמף, אין דער רעאַלער, מען קאָן זאָגען ברוטאַלער וועלט. און דערפאַר קלאַמערן זיך מענשען אָן אַ יעדען שטראַהל פון האָפנונג, אונאָפּהענגיג דערפון, צי קומט ער פון רעאַלער, ממשות'דיגער און גלויבענסווירדי-גער זייט, צו איז ער ענטשטאַנען אין אַ פאַנטאַס-טישען, צי שאַרלאַטאַנישען מח. אויף איין זייט די קונציגע מאַרק - שרייערישע רעקלאַ - מע, פון וועלכער מענשען ווערען פערטומעלט, אויף דער אַנדערער זייט, די שרעקליכע, פערברעכערישע לייכטגלויביגקייט זענען דערצו גורם, אַז מענשען, אויף אַלע געזעלשאַפטליכע און איבטער-לעקטועלע שטופען, ווערען פערנאַרט פון פאַטענ-טירטע און נישט פאַטענטירטע כישוף-מאַכערס, פון אינדיווידועען, וואָס האָבען זיך פערשטאַנען קונ-ציג איינצוהילען אין אַ מאַסקע ■ שיינהייליגקייט אויסנוצענדיג די נאַאיוויטעט און לייכטגלויביגקייט פון מענשען און אָנווענדענדיג ביי זיי מיטלען, וואָס פאַסען צום „פינסטערען מיטעלאַלטער", אָ-בער נישט צום „צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט".

און אפשר זענען אַזעלכע זאַכען בלויז דענק-באַר טאַקע נאָר אינ'ם 20-טען יאָהרהונדערט, אין וועלכען די געוואַגטעסטע חלומות ווערען רעאַלי-זירט, די אונמעגליכסטע זאַכען ווערען מעגליך; אפשר איז דאַדורך צו פערשטעהן, אַז אין דעם יאָהרהונדערט קאָן מען האָפען, אַז מיט פערכישופטע מיטלען, פונקטען, אָפּגעשפּראָכענע גרעזער, מיט אַ וואונש-פינגערל, מיט בלויז טאַפּען ביים דופק, אָדער קוקען אויף דער האַנד, קאָן מען היילען, קאָן מען פון קראַנק, געזונד מאַכען, פון שלעכט גוט?!

ווי אַזוי דען איז צו פערשטעהן דער ער-פאָלג פון אַ וואָינאַווסקי למשל, וועלכער איז זעל-טען „ניכטערן" און לעזט פון דער האַנד די דיאַ-גנאָזע און פערשרייבט קרייטעכצער-וואונדער פאַר 200—500 זל., וועלכע מיר בענוצען „נאָרמאַל" אין ודער מעדיצין, און וועלכע קאָסטען אין אַ יעדער אַפּטייק 5—10 זל.?! ווי אַזוי קען דער העלזעהערישער וואָינאָווסקי געפונען מיט איין קוק אויף דער האַנד דאָס, וואָס געניאַלע טיילמאָל, מענ-שען, קענען ערשט תופס זיין נאָך יאָהרצענטלאַנגער פאָרשונג און דערפאַהרונג, אונטערזוכענדיג אַ פּאַציענט אַ שעה, אַ וואָך, אַ חודש לאַנג, נעהמענדיג צו הילף אַלע טעכנישע, כעמישע און באַקטעריאָלאָגישע מיטלען, וועלכע די מאָדערנע מעדיצין שטעלט זיי צו פערפיגונג? און ועל כולם מוזען זיי מודה זיין, אַז זיי זענען נישט אונפעהלבאַר. און, אַז זיי שטעהען אָפט פאַר אַ רעטזעל, פאַר אַ נעבעל, וועלכען זיי קענען נישט דורכדרינגען.

איך קען דאָ נישט אויסרעכענען די גאַנצע פאַלאַנגע קור-פושערס אין עסטרייך, דייטשלאַנד, אונגאַרן, און אין אַנדערע לענדער. איך וויל בלויז אָנווייזען אויף אַ פאַקט, וועלכען איך קען פון אייגענער בעאָבאַכטונג.

אין מיין שכנות וואוינט אַ פויערטע, וואָס איז געווען אין שפּיטאָל, אַ געוועהנליכע דינסט, צו גראָבע אַרבייטען. אָט די אַרבייט איז איהר נמאס געוואָרען און זי האָט בעשלאָסען צו ווער-רען אַ דאָקטאָר.

זי האָט אונטערגעקוקט איבערפלעכליך ווי אַזוי מען אונטערזוכט און וואָס פאַראַ בעקאַנטע מיטלען מען גיט, זי האָט זיך געמערקט אַ פּאָר נעמען פון פּאָפּולערע דיאַגנאָזען, און האָט היינט אַ פּראַקסיס-אויף 10 יודישע דאָקטוירים געזאָגט! מאַנכע פון איהרע פּאַציענטען ווערען געזונד, ווייל זיי וואָלטען עס סיי ווי געוואָרען, אָבער דעם חורבן, וועלכען זי מאַכט אָן ביי קנאָכען און גלענקס טובערקולאָזע למשל, ביי מאָגען און הויט-קראַנק-הייטען האָב איך אָפט די געלעגענהייט צו זעהן. אָט די פּאַציענטען, אָפט אינטעליגענטע מענשען, גלויבען אין איהר שטאָל-און-אייזען, און האַלטען פון איהר דיאַגנאָזע (פערקיהלטער מאָגען, גע-שוואָלענע נירען, בלוט-מאַנגעל, פערקיהלטער קאָפּ א. אַז. וו.) ווי פון אַ רבין!

נאָך איין פאַל: איך האָב זיך בעקענט אין ווינען מיט אַ דאָקטאָר פון אונגאַרן, דער דאָזיגער פּאַרשוין האָט מיר דערצעהלט אַזאַ מין מעשה. ער האָט געענדיגט מעדיצין אין ווינען. דאַן האָט ער פּראַקטיצירט ביי פּראָפ. שלעזינגער 2 יאָהר, דערנאָך האָט ער זיך בעזעצט אין אַ שטעטעל אין מזרח-אונגאַרן. 2 יאָהר האָט ער שווער געקעמפט און געהאַט קוים צו זשיפען; אַ קוזין, אַ מוהמע, אַ גבאי, אָדער אַנ'אַנדער קהל-פערזאָרגער. דאָס זענען געווען זיינע, נאַטירליך, אומזיסטיגע, פּאַ-ציענטען. ער איז געפאַלען אויף אַ המצאה צו ווערען אַ וואונדער-דאָקטאָר. ער האָט זיך פער-לאָזט אַ באָרד, אָנגעטון אַ קיטעל און סאַנדאַלען, האָט זיך בעזעצט אין אַנ'ענטגעגענגעלעגענער גע-געגנד פון אונגאַרן. און האָט זיך נאָך 2 יאָהר גע-קויפט 2 הייזער און פלעגט יעדען חודש קומען קיין ווינען אויסלאָזען זיין בייז האַרץ — צו די ווינער קאַבאַרעטס.

און די איינשטעלונג פון די פּאַציענטען צו די דאָקטוירים גופא איז אויך נישט אַנדערש. מיט וואָס דען קען מען ערקלערען די פּאַראיבער-געהענדע פּאָפּולאַריטעט, פון אַ וויטשקאָווסקי, פּאַן-טשישין, טשאַרניעצקי א. אַז. וו. איך וויל בשום אופן נישט אין פראַגע שטעלען זייער וויסען, אָבער 2 יאָהר פריהער האָט ער דאָך בעשטימט אַזוי פיל געוואוסט, ווי 2 יאָהר שפּעטער. און דאָך האָט איינער אָדער דער אַנדערער אין דער צייט זיין רוהם פערלוירען. מען ווייסט [illegible] ער איז דאָ, מען ווייסט נישט פאַרוואָס ער איז אַוועק, דער שם געהט „מען זאָגט", מ'זאָגט, אַז ביי איינעם מוז מען זיך אָנשטעלען אויף 2 טעג, ביים אַנדערען זיך פערשרייבען אויף 8 וואָכען פריהער, ביים דריטען אין פאַרהאַנגען ווידער אַ דריט מופת און דאָס ווירקט אויף פאַנטאַזיע פון די פּאַציענטען, כאָטש עס איז אַנ'אָרים צייגניש פאַר זייער מענטאַליטעט און קריטישען חוש בנוגע דעם ענין.

אין אַמעריקאַ איז פאַרהאַנען אַ סעקטע, וואָס רופט זיך „קרישטיען סייענס", קריסטליכער גלויבען, צו וועלכער עס געהערען אַרום 60 פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג מיט דער גרויסער אַריסטאָ-קראַטיע בראש. אָט די סעקטע גלויבט נישט אין קיין ערצטליכער אָדער מעדיצינישער הילף: אַלעס היילען זיי מיט דער ביבעל: ביי אַ נישט נאָרמאַ-לער געבורט, ביי שווערען קרעבס-קראַנקען, ביי אַ פערוואונדעטען, ביי שווערע הויט-קראַנקהייטען, ביי בליבדאַרם-ענטצינדונג לעזען און זינגען זיי פסוקים פון דער ביבעל. טויזענדער פון מענשען האָט דאָס וואונדערבאַרע מיטעל שוין געטריבען אין דער עוד אַריין.

אקראנץ פערל פון תלמוד און מדרש

דער, וואָס איז מאַנס אַ מיידעל איז זיין שטראָף, אַז ער מוז מיט איהר חתונה האָבען, און עס קומט אויס, אַז ער מוז אַליין טריבקען פון דער קרוג, וואָס ער האָט לעכערדיג געמאַכט און אין זיין גאַנץ לעבען פערבונדען מיט אַ פרוי, וואָס האָט אַ פגימה.

(כתובות ל"ט).

* * *

דער, וואָס זוכט זיך ריינצוואַשען פון אַ חטא, דער ווערט מיטגעהאָלפען פון דער השגחה העל-יונה צו דערגרייכען זיין רצון.

(שבת ג"ד).

* * *

דער זאַנג, וואָס עס לאָזט זיך נישט אַרויס-בעהמען פון איהם די קערנער, ווען ער איז נאָך פריש — וועט שוין שפּעטער, ווען ער וועט האַרט ווערען אויך גאָרנישט העלפען.

(מדרש משלי כ"ב).

* * *

אַ מתנה דאַרף זיין צוגעפאַסט צום מענשען, וועמען מ'גיט זי. (סנהדרין צ"ה).

* * *

די שטראָף שטעהט נישט וויט פון'ם חטא. (שוחר טוב כ"ב).

* * *

אַ הדרת פנים איז מיט אַ באָרד. (שבת קנ"ב).

* * *

עס טרעפט, אַז איינער וואַשט זיך און דער אַנדערער — עסט. (חולין ק"ז).

* * *

מ'דאַרף יעדער מענשען דן זיין לכף זכות. (אבות א').

* * *

אויב דו האָסט צוגעשאָטען מעהל, מוזטו אויך צוגיסען וואַסער. (תנחומא ראה)

דאָס איז דאָס ערגסטע פון אַלץ,
וואָס געשעהט אונטער דער זון. —
דאָס וואָס איין שיקזאַל ערוואַרט אַלעמען,
און דעריבער זענען פול מיט שלעכטס
די מענשען - הערצער,
ווי לאַנג זיי לעבען — ביז אין טויט אַריין.
(קהלת ט', ג').

גענעמעלט דורך אברהם שלעזינגער

יודען אין יאפאן

ווי אזוי איך האב זיי דארט געפונען.— זייער בית-תפילה.— זייערע מנהגים. — זייער אפשטאמונג פון די עשרת השבטים

פון א. הערער

אין 1920 יאהר האב איך זיך בעזעצט אין דער שטאט „אסאקא“. דאס איז די יאפאנישע מאסקווע, אין דער שטאט זענען קאנצענטרירט די גרעסטע פאבריקען פון לאנד. די גרעסטע אינדוסטרי-ארטיקלען ווערען דא אויסגעארבייט אונד א פערקויפט. אסאקא פערנעהמט איהר פלאץ צווישען צוויי גרויסע שטעט: איין שעה רייזע מיט'ן באהן אדער מיט'ן טראמוואי ביז „קאבע“ — און פון דער צווייטער זייט א שעה רייזע ביז „קיאטא“.

מיינע געשעפטען האבען געפאדערט צו נעהמען אן איבערזעצער, אין דעם ארט האט פערגרעמען ביי מיר א יאפאנישער געוועזענער אפיציר, וועלכער האט א סך יאהרען געוואוינט אין איר-קוטסק און האט נישט געקענט די רוסישע שפראך—

איינמאל אין א פריהמארגען, ווען איך דאב נאך געשלאפען, האט מען מיר אויפגעוועקט און דערלאנגט א וויזיט-קארטע מיט א רוסישען שריפט:

סאקא-מאטא, מיטארבייטער

פון „אסאקא ניטשי — ניטשי“.

אויף מיין איינלאדונג איז אריינגעקומען אין צימער א יאפאנער, אין די מיטעלע יאהרען און האט זיך פארגעשטעלט, אז ער איז א מיטארבייטער אין דער „גרעסטער“ יאפאנישער צייטונג — „אסאקער טאגבלאט“, וועלכע האט א טיראזש פון א „האלבען מיליאן“ און ער איז געקומען מיר אינטערוויואירען. איך האב איהם דערלאנגט מיין וויזיט-קארטע.

— דא איז אנגעשריבען, אז דו ביסט א האנדעלס-אגענט? וואס איז דאס אזוינס? איך האב איהם דערקלערט, אז דאס איז אזא מאן, וואס איז געקומען אהער איינקויפען פערשידענע סחורות,— אהא, האט ער געשמאמעלט, אבער מיט וואס בעשעפטיגסטו זיך פערזענליך? וואס פאר א בעל-מלאכה ביסטו?

— וואס מיינסטו דערמיט? האב איך איהם געפרעגט.

— א שירעם קאנסטו מאכען?

— ניין!

— א קארב קאנסטו פלעכטען?

— ניין!

— אפשר קאנסטו שיך מאכען?

— ניין!

— טא, וואס קענסטו? האט שוין בעזיוזט געקוועטשט מיט די פלייצעס דער יאפאנטשיק.

דא איז מיר איינגעפאלען א געדאנק און איך האב איהם געענטפערט:

— אבער, איך בין אויך אזא צייטונגס-מיטארבייטער ווי דו!

— כי, כי, כי! — האט זיך צולאכט מיין יאפאנטשיק. — אבער איך קען מאכען א שירעם אויספלעכטען א קארב! מאכען א פאר שיך, כארבען זייד, מאהלען בילדער, וואשען היט און נאך און נאך. און דערצו בין איך א שרייבער אויך. און נישט לאזענדיג מיר רעדען א ווארט, האט ער ווייטער גערעדט.

— נו, און וואס פאר א שרייבער ביסטו?

— איך בין א רעאלער שרייבער! איך בעשרייב בעשרייב אלץ, וואס איך זעה! דעם אמת!

— און וויפיל בעקומסטו דערפאר?

— כמעט ווי גאר נישט!

מיט א געלעכטער האט דער יאפאנטשיק שוין געוואלט פערלאזען מיין צימער, איך האב איהם אבער אפגעשטעלט און געפרעגט, צי ווייס ער וועגען יאפאנער יודען? — יודען? האט ער געענטפערט, האב איך געקענט, בעת איך האב געוואוינט אין כארבין... ביי אונז אין יאפאן זענען נישטא קיין יודען....

אויפ'ן צווייטען טאג, ווען מיין איבערזעצער איז געקומען צו מיר, האט ער ארויסגעשלעפט פון א בעל א צייטונג און האט צו מיר א זאגגעטון:

— אט, הער, וואס מען שרייבט וועגען דיר!

איך וועל דיר פארלעזען אין איבערזעצונג, און ער האט געלייענט:

— „עפעס א מאדנער אייראפעער האט פערבלאנדזשעט צו אונז! אלץ קויפט ער! אלץ פערקויפט ער! אליין עפעס א מלאכה, קען ער נישט! נישט קיין שירעם! נישט — קיין קארב, נישט — קיין שיך! ער שרייבט אין צייטונג דעם „אמת“, פאר וועלכען — מען בעצאהלט גארנישט אין אייראפע!...

אליין איז ער א יוד, און מיינט, אז ביי אונז אין יאפאן זענען אויך דא יודען“!

און שטעלט אייך פאר, אז אט דער שפאס, וואס דער יאפאנטשיק האט געמאכט איבער מיר, האט געבראכט דערצו, אז איך האב געפונען דאס, וואס איך האב אזוי לאנג געזוכט: איך האב געפונען — „יאפאנער יודען“. ומעשה שהיה, כך היה“:

מיט דריי טעג שפעטער, נאכדעם, ווי עס איז געדרוקט געווען אין אסאקער צייטונג דער שפאס איבער מיר, אין אנ'אוונט, ווען איך בין געזעסען מיט מיין איבערזעצער ביי אונזער ארבייט, איז אריינגעקומען אין צימער א יאפאנער, אין די מיטעלע יאהרען, אין אנ'עכט-נאציאנאלען יאפאנער כאלאט, מיט'ן שטרויענעם הוט אויפ'ן קאפ, און אהן שום בעוועגונגען, אהי, שום טיי-צערעמאניעס, לויט דעם יאפאנישען שטייגער, האט ער זיך גלייך געווענדעט צו מיין איבערזעצער. א פאר מינוט האט געדויערט דער שמועס צווישען זיי און מיין איבערזעצער איז אויפגעשפרונגען פון זיין ארט און האט מיר פארגעשטעלט דעם געקומענעם אלס א יוד!...

ער איז צוגעקומען בעהנטער צו מיר און געבענדיג מיר זיין האנד, האט ער זיך מיט דער צווייטער האנד געקלאפט אין הארצען און אין עקסטאז געשריגען: „זראעלי! זראעלי! (ישראל)...

צו שוואך איז מיין פען צו שילדערן, וואס מיט מיר איז פארגעקומען אין דעם מאמענט, פון דעם ווייטערדיגען געשפרעך, מיט דעם יאפאנער דורך מיין איבערזעצער האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער האט זיך דערוואוסט וועגען מיר דורך דעם שפאס, וואס ער האט געלייענט, ער איז א יוד, זיין פאמיליע איז — „האמאדי“. ער איז א טשעמאדאנען-מאכער, ער אליין קען קיין אנדער שפראך נישט, נאר יאפאניש. ער קען מיר קיין אינפארמאציעס וועגען יאפאנער יודען נישט געבען, נאר אויב איך וויל דאס וויסען, זאל איך מארגען קומען צו זיי אין טעמפעל, דארטען געפינט זיך זייער „ראש“ און פון איהם וועל איך קאנען בעקומען אלע ידיעות וועגען די יאפאנישע יודען... איך האב מיין טייער'ן גאסט מכבד געווען מיט טיי און געבעטען איהם, אז ער זאל מארגען קומען און זיין אונזער פיהרער אהין. —

אין דער בעשטימטער צייט איז ער געקומען און מיר זענען אלע דריי אויף „ריקשעס“ — (וועגעלעך, וועלכע עס פיהרען מענשען) געפאהרען לויט דעם אדרעס צום טעמפעל.

נאך א שעה פאר'ן פאהרען דורך דער גאנצער שטאט, כמעט, האבען די ריקשעס אפגעשטעלט ביי א טויער פון א פרעכטיגען פארק.

איבערלאזענדיג מיך מיט מיין איבערזעצער ביים טויער, איז דער יאפאנער אריין אין פארק, עס האט געדויערט א פערטעל שעה און ער איז ארויס געקומען אין בעגלייטונג פון א בכבודיגען פאטריארכאלען יאפאנער אין די מיטעלע יאהרען, מיט א סימפאטיש סעמיטישען פנים; ער איז געווען געקליידעט אויפ'ן יאפאנישען שטייגער, נאר אויפ'ן קאפ האט ער געהאט אנ'אייראפעאישען צילינדער-הוט.

ער האט זיך פאר אונז פארגעשטעלט אלס רב פון דער קהלה און האט אויף דער פראגע, פון מיין איבערזעצער דערקלערט אז העברעאיש קען ער בלויז עטליכע ווערטער, עטליכע תפילות, ער איז אבער זעהר קלאר אין דער געשיכטע פון יאפאנישע יודען.

ער האט אונז פערזיכערט, אז ער קען אונז מיט אותות ומופתים בעווייזען, דאס זיי שטאמען פון די עשרת השבטים... נאכדעם האט ער אונז בעגלייט לויט'ן יאפאנישען מנהג, און איינגעלאדען צו גיין נאך איהם. אריינקומענדיג אין פארק האבען מיר אויסגעטון די שיך, און מען האט אונז געגעבען אנצוטון שטרויענע טופלעס, דא האבען מיר בעמערקט א סלופ און אויף איהם ארויסגעקלאפט א פרעטעל מיט שריפטען אויף יאפאניש און ענגליש:

„פרעמדער! — ווער דו זאלסט נישט זיין, פון וואס פארא גלויבען דו זאלסט נישט האלטען — געדענק, אז דו ביזט אריין אין א „מקום קדוש“, אז דו טרעטסט אויף ערד, וועלכע איז בעהייליגט מדור דורות...“

טיף אין פארק האבען מיר דערזעהען דעם „בית המדרש“, מיט זיין אויסערליכען אויסזעהען אונטערשיידעט ער זיך, מיט קיין זאך נישט פון די בודיסטישע טעמפלען. דיזעלבע כינעזישע ארכיטעקטור... דערפאר אבער איבעווייניג דערזעהט מען שוין א גרויסען אונטערשיד: אנשטאט די גאלדענע געטער די מיט גאלד בעפוצטע ווענט, וואס מען זעהט אין די בודיסטישע טעמפלען, זעהט מען דא א ליידיג הויז, מיט איינפאכע ווענט, עס איז גלייך צו בעמערקען, מיט ווענען דו האסט דא צו טון. אויף די ווענט פיל שריפטען אויף יאפאניש. אבער אלץ פסוקים פון דער תורה, קיין מעבעל איז נישטא.

דער רב האט אונז איינגעלאדען אין א צווייטען צימער. ער האט אהין געבראכט א גרויסען ספר מיט מאנוסקריפטען, געשריבענע מיט הונדערטער יאהרען צוריק. איינעם אזא מאנוסקריפט געשריבען אויף פארמעט אין דער יאפאנישער שפראך האט דער רב געלייענט און מיין איבערזעצער האט מיר ווארט ביי ווארט איבערגעזעצט אין רוסיש, דאז, (ווייטער זעה 12. זייט).

(ווייטער זעה 12. זייט).

גרויסקייט פון רמב״ם אין דער מעדיצין

פון ה. קריגער

היסטארישע פאקטען, וואס קיינער קען נישט צווייפלען אין זייער עכטקייט, בעווייזען, אז דער רמב״ם איז געווען זעהר גרויס אין מעדיצין, סיי אין דער טעאריע, סיי אין פראקטיק.

דער ערשטער עדות איז אלקיפטי, אנ'אראבישער מחבר פון יענער צייט, וואס שרייבט וועגען רמב״ם'ס גרויסען נאמען אין דער מעדיצינישער וועלט, ווי אזוי דער גרויס-וויזיר אלפאדהאל האט איהם געמאכט פאר זיין לייב-דאקטאר און פאר איהם בעשטימט א יעהרליכען געהאלט פון דער קעניגליכער קאסע.

דער רמב״ם אליין, אין א בריף צו זיין ליבלינג-תלמיד, רבי יוסף עקנין, שרייבט צוו. אנד.: „אויך קען איך דיר לאזען וויסען, אז מיין מעדיצינישער בערוף איז זעהר גרויס אין די הויכע קרייזען, אפילו דער הויפט-ריכטער לע קאהדי אלקאר-האט, דער הויף פון אל זאדהא און די איבעריגע הויכע בעאמטע זענען מיינע שטענדיגע פאציענטען.

דער בעריהמטער מעדיצינישער און מעטאפיזיקער, עבדל לאטיף, פון באגדאד, וואס איז געווען זעהר געאכט אין דער וועלט מיט זיין חכמה, דאס אפילו דער גרויסער סאלאדין פלעגט פון איהם שטארק האלטען, האט צוגעגעבען, אז זיין אוועק מיט דער שווערער רייזע פון באגדאד ביז עגיפטען איז געווען זיך צו בעקאנען מיט דריי בעריהמטע געלעהרנטע, און איינער פון זיי איז דער רמב״ם.

דער פאטער פונ'ם בעריהמטען שריפטשטעלער אבן אבו אוסאיביה האט זיך געריהמט מיט זיין מעדיצינישער גרויסקייט, זייענדיג דעם רמב״ם'ס א תלמיד.

דער בעריהמטער דיכטער און ריכטער (קארי) אל סאיד אבן סינה אלמולך האט געווידמעט א לויבגעזאנג צום רמב״ם אין איינעם פון זיינע שירים, וואו ער פערגלייכט איהם צום „פאטער פון דער מעדיצין“, גאלינוס, ער שרייבט: גאלינוס האט נאר געהיילט דעם קערפער, בעת דער זוהן פון מימון היילט אויך די נשמות, בעווייזענדיג די נארישקייט פון קורירען זיך מיט אבערגלויבישע סגולות, וואס שאדען מעהר ווי זיי היילען.

עס איז אויך א פאקט, דאס דער ענגלישער קעניג, ריטשארד ליובענהארץ, דער ערשטער צוביהרער פון די קרייציגער, זייענדיג אין ארץ-ישראל, וואו ער האט בעפעסטיגט די פלשתים-שטאט אשקלון און דארט בעזעצט די קריסטען, האט געהערט די וואונדער פונ'ם רמב״ם'ס מעדיצינישע קונסט, און איהם אנגעבאטען די שטעלע צו ווערען זיין לייב-דאקטאר. נאר דער רמב״ם האט עס נישט אנגענומען.

זיין מעדיצינישע פראקטיק איז געווען זעהר גרויס. קוקענדיג ווי די גרויסע בעגוצען איהם האבען זיך גענומען ציהען צו איהם קראנקע פון אלע זייטען. אין א בריף צו זיין תלמיד עקנין, וועלכער איז אויך געווען א בעריהמטער דאקטאר מיט א גרויסער פראקטיק אין באגדאד, שרייבט ער: די פאציענטען נעהמען צו זיין גאנצע צייט, עס בלייבט מיר אפילו נישט, ווען צו לערנען די ביכער, וואס רעדען וועגען מעדיצין, און דו ווייסט דאך ווי שווער די דאזיגע פראפעסיע, און וויפיל פערראנטווארטליכקייט זי טוט ארויף אויפ'ן מענשען, וואס וויל זיין געוויסענהאפט און אויסגעהאלטען. איך גיב באר אזא עצה, וואס מען קען בעגרינדען מיט ריכטיגע ארגומענטען אדער דורכגעמאכטע פון אנערקענטע אויטאריטעטען“.

פון דעם קורצען אויסצוג קען מען זיך מאכען א בעגריף, ווי ערנסט דער רמב״ם האט זיך בעצויגען צו דער דאזיגער פראפעסיע.

ער האט נישט פיל געהאלטען פון פערשרייבען רפואות אליין, דער עיקר איז ביי איהם געווען צו לערנען דעם קראנקען די ערשטע כללים פון היגיענע און דיעטע. נאר דעמאלט, ווען די היגיענישע און דיעטישע מיטלען האבען נישט געהאלפען פלעגט ער פערשרייבען א מעדיצין.

ווי שטארק ער איז געווען פערנומען מיט זיינע פאציענטען קען מען זעהען פון זיינס א בריף, געשריבען פון איהם צו רבי שמואל אבן תבון, אי.-בעריזעצער פון זיין „מורה נבוכים“. דארט שרייבט ער אזוי:

„איך בין אזוי פערנומען, דאס איך האב פשוט קיין צייט נישט צו עסען. מיין וואוינונג איז אין פוסטאט און דער קעניג — אין קאירא, אנ'ערך פון 2 תחום שבת'ן. איהם מוז איך בעזוכען יעדען אינדערפריה. אויב ער, איינער פון זיינע קינדער, אדער קעפסווייבער איז נישט געזונד, קען איך דעם גאנצען טאג נישט פערלאזען דעם פאלאץ. ווען אלע זענען געזונד, קום איך אהיים נאך האלבען טאג. הונגעריג און פערמאטערט. דארט געפין איך שוין אלע גאלעריעס געפאקט מיט מענשען: קראנקע, גוים און יודען, חשוב'ע און פראסטע, ריכטער, פאליציאנטען, גוטע פריינד און שונאים, מענער און פרויען — אנ'ערב רב, וואס ווארטען מיר אפ. געה ארונטער פון דעם אייזעל, וואש די הענד און קום ארויס צו זיי איבערבעטען פאר'ן ווארטען און בעטען מיר צו דערלויבען צו האבען א לייכטען צובייסען — די איינציגע סעודה אין מעת-לעת — נאכדעם געה איך ארויס צו זיי בעהאנדלען, געבען עצות און שרייבען רעצעפטען... דאס הערט נישט אויף ביז ביינאכט, כסדר קראנקע אריין און ארויס דערפון ווער איך אזוי אפגעשוואכט, דאס איך קען אפילו נישט רעדען. אזוי איז יעדער טאג פון וואך. דער איינציגער טאג איז שבת, ווען איך גיב זיך אפ מיט קהלה ענינים.

דאס איז געווען דער ענטפער צו רבי שמואל אבן תבון, ווען יענער האט געוואלט אונטערנעהמען די שווערע און געפעהרליכע רייזע אזש פון דרום-פראנקרייך קיין מצרים, אבי צו קענען פערברענגען מיט'ן רמב״ם, וועמענס „מורה נבוכים“ ער האט איבערזעצט. דער רמב״ם רעכענט איהם אויס די אנבייט, בעווייזענדיג, אז מעהר ווי איהם אנקוקען וועט ער נישט קענען, ווייל צו פערברענגען מיט איהם אין חכמה האט ער קיין צייט נישט.

דער גרויסער קעניג סאלאדין איז געשטארבען און זיינע צוויי יורשים האבען זיך גענומען שלאגען וועגען טראן, דער רמב״ם, זייענדיג א הויף-מענש, איז נישט ווילענדיג אריינגעצויגען געווארען אין פאליטיק, ביז ענדליך איז דעם עלטער'ן ברודער געלונגען צו פערנעהמען דעם טראן, ער איז געווען אין דער יוגענד איינער פון די לעב-יונגען, איינגעטון אין תאוות; דאס האט זיך אפגערופען שלעכט אויף זיין געזונד אין די שפעטערדיגע יאהרען. דאן האט ער געבעטען דעם רמב״ם, זיין לייב-דאקטאר, אנצושרייבען פאר איהם א בוך, ווי א מענש דארף זיך אויפפיהרען. דער רמב״ם האט דאן אנגעשריבען זיין „מאקראביאטיק“, א וויכטיגער בוך וועגען דער היגיענע פון לעבען; דארט זאגט ער, אז נאר דער, וואס פיהרט זיך מעראליש, גיט זיך נישט אפ מיט פרעסען, טרינקען און פרויען — נאר דער מענש קען זיין געזונד. ווייט און עקסטרעלער געברויך מאכען אלט פאר דער צייט און טריקענען אויס דעם מארך פון קאפ און די ביינער.

דאס איז געווען אנ'אפענע אנצוהערעניש דעם טיראנישען אריינטאלען הערשער אויף זיין פערדארבענעם וועג פון לעבען, דערמיט האט דער רמב״ם געוואגט צו פיל. בלויז דער, וואס ווייס זיין פעראנטווארטליכקייט צום אמת און צו זיין פראפעסיע, האט געקענט זיך אונטערנעהמען צו זאגען דעם אמת א הערשער, וויסענדיג, אז א סך דאקטוירים האבען פאר אזא אמת בעצאהלט מיט'ן קאפ.

די אויפגאבע פון דער מעדיצין איז נאך זיין מיינונג, צו לערנען דעם מענשען די אורזאכען פון וואנען קראנקהייטען נעהמען זיך, און איהם אנגווייזען די דיעטישע און היגיענישע מיטלען ווי געזונד צו זיין. צו בעזיצען א קלארען שכל מוז מען האבען א געזונדטען קערפער. צווישען טויזענד מענשען געפינט זיך בלויז איינער, וואס שטארבט א נאטירליכען טויט. די איבעריגע 999 שטארבען איבער זייער אונוויסענהייט און נישט געהעריגער אויפפאסונג.

פערהיטען זיך פון קראנקהייטען איז לייכטער און בעסער ווי זיי צו היילען, דערפאר מוז מען וויסען ווי אויסצומיידען שעדליכע זאכען. א מענש זאל נאר דעמאלט עסען, ווען ער איז גוט הונגעריג, און טרינקען — ווען ער איז דארשטיג.

אבער אפילו דעמאלט טאר ער זיך נישט אנפאקען צו פיל. א מענש דארף בלייבען נישט דערעסען.

א כלל: אין עסען או טרינקען, ארבייטען און שלאפען, מוז מען זיין געמעסיגט.

זומער איז בעסער צו עסען קאלטע שפייזען און ווינטער — ווארימע, ווייין איז שעדליך אין דער יוגענד און מעהר פערטראגליך אויף דער עלטער. ביים עסען זאל מען קיין וואסער נישט טרינקען, סיידען געמישט מיט וויין. זויערע און אומצייטיגע פרוכט זענען ווי סם פאר די געדערים. א מענש דארף שלאפען 8 שעה אין מעת לעת, אבער בייטאג איז אומגעזונד צו שלאפען. איין מאל אין 7 טעג דארף א מענש האבען א באד.

אין קליינע קראנקהייטען היילט די נאטור אליין דעם קערפער גאר אהן רפואות, אויב דער קראנקער שטערט איהר נישט מיט זיינע שלעכטע אויפפיהרונג. אין ערנסטע קראנקהייטען דארף דער דאקטאר בלויז העלפען די נאטור אין איהר ארבייט. די מעהרסטע דאקטוירים מאכען א טעות היילענדיג מיט רפואות, וואס שוואכען אפ די ווידערשטאנדס קראפט פונ'ם קערפער, אזעלכע שאדען מעהר ווי זיי העלפען.

א יוד טאר נישט וואוינען אין אזא ארט, וואו קיין דאקטאר איז נישטא. דער דאקטאר דארף אבער זיין א געוויסענהאפטער מענש און וויסען זיין פראפעסיע, דער דאקטאר, וואס קען זאגט זיך צו העלפען דעם קראנקען, וואס בויטיגט זיך הערין, אדער ער קען נישט זיין ארבייט, אדער ער גיט זיך נישט די מיה אויסצוגעפינען די קראנקהייט, איז געגליכען צו א מערדער.

דא איז דער צעטעל פון זיינע ספרים, וואס מיר האבען פון איהם וועגען מעדיצינישע פראגען:

1) אנ'אפהאנדלונג פון רפואות אין זייער הירקונג, א מין „מאטעריע מעדיקא“. 2) אנ'ערקלערונג וועגען די אורזאכע פון קראנקהייטען. 3) א בעשרייבונג ווי צו היילען יענע פון שלאנגען געביסענע; 4) „מאמר ברפואות הטהורים“, וועגען מעיידען; 5) וועגען אסטמא און איהר קוראציע; 6) „מאמר המשגל“ וועגען געשלעכטליכע נערקעהר; 7) אנ'אפהאנדלונג וועגען היגיענע; 8) וועגען גיפט און געגען גיפט; 9) א קיצור פון אליי-נוסעס 16 ביכער און פון אנדערע ביכער; 10) מעדיצינישע אפאריזמען פון היפאקראטוס מיט ערקלערונגען; 11) „פרקי משה“ מעדיצינישע אפאריזמען, געזאמעלט פון גאלינוסעס ווערק.

עס געפינען זיך אויך אפהאנדלונגען פון זעלבען וועגען באז און האלז קראנקהייטען און וועגען רעמאטיסם.

ווי גרויס דער רמב״ם איז געווען אין דער מעדיצין איז עס קיין פערגלייך נישט מיט זיין גרויסקייט אין תלמוד און פילאזאפיע, יענע ביכער האבען בלויז א היסטארישען ווערט, בעת ז״ב ספרים הלכה און חקירה פערבלייבען כל זמן קם עס וועלען זיין יודען אויף דער וועלט.

דער סוד פון כלה־מיידעל

—(סקיצע)—

פון מ. דרויץ

אַלבערט איז זיין נאָמען. ער איז אַ בחור שוין אין די דרייסיגער. פערדינט גוט. איז אַלעמאָל בעשעפטיגט און ער האָט געלד.

אַלבערט געהט אַרום מיט אַ מיידעל. ער האָט ליב זיין מיידעל, נאָר עפּעס לעגט ער אַלץ אָפּ דאָס הייראַטען מיט זיין געליבטער, עס איז קענטיג, אַז עפּעס זוכט ער און נישטערט, אין עפּעס וויל דער בחור זיך איבערצייגען וועגען זיין געליבטער, איידער ער וועט געהן מיט איהר אונטער דער חופּה.

קלאַראַ הייסט אַלבערט׳ס געליבטע, זי איז אַ בלאָנדינקע, גאָר נישט קיין מיאוסע, אַלט איז זי אַ יאָהר פינף־און־צוואַנציג. קוקט אָבער אויס יונגער. אין אַלבערטס אויגען איז זיין קלאַראַ אַ מיידעלע קוים צוואַנציג יאָהר אַלט.

קלאַראַ האָט אַ חברטע הייסט זי שרה׳לע.

שרה׳לע האָט נישט לאַנג צוריק געהייראַט. פאַר איהר הייראַט האָט זי אַלעמאָל געוואוינט מיט קלאַראַן אין איין צימער, האָט זי זיך, מיט איהר מאַן אַרויסגעקליבען אין אַן׳אַנדער שטאָט, און די צוויי חברטעס פיהרען אַן צווישען זיך אַ שטענדיגע קאָרעספּאָנדענץ.

קלאַראַ און שרה׳לע זענען אַלעמאָל געווען זעהר נאָהנטע, זעהר געטרייע חבר׳טעס. זיי האָבען איינע דער צווייטער אַלעמאָל פערטרויט זייערע אינטימסטע סודות. אַזוי איז געווען אויך איצט מיט זייער איבערשרייבען זיך. זייערע בריף האָבען אָפּט ענטהאַלטען אין זיך אַזעלכע אינטימע פערטרויאונגען אַז ווען מען רעדט וועגען אַזעלכע זאַכען בעהאַלטענערהייט אונטער פיר אויגען האַלט מען אין איין אַרומקוקען זיך.

אין איינעם פון די בריף וואָס קלאַראַ האָט געשריבען צו איהר פערהייראַטער פריינדין האָט זי אויף אַ העכסט אינטימען שטייגער אויסגערעדט איהר האַרץ וועגען דעם, וואָס עס קומט פאַר צווישען איהר און אַלבערטען דעם בחור, וואָס גייט מיט איהר אַרום, אָט איז פאַר אייך דער בריף:

„שרה׳לע מיין ליבענקע!

„דיין גוטען האַרציגען בריוועלע ערהאַלטען און פערבערענט אַזוי ווי דו האָסט פון מיר פערלאַנגט, און ווען דו וואָלסט נישט פערלאַנגט, וואָלט איך דאָס סיי ווי סיי געטהון.

„וועגען דעם, וואָס דו דענקסט אַז דו מערקסט אַז דיין מאַן גלויבט נישט טיף אין האַרצען אין דער געשיכטע וואָס דו האָסט איהם דערצעהלט אויף מאָרגען נאָך דער חופה־נאַכט זאָלסטו זיך זעהר וועניג ערגערען.

„נו זאָג אַליין, שרה׳לע איז דאָס נישט אַ סקאַנדאַל? דאַכט זיך אַ העכסט מאָדערנער מענש, דער מאַן דיינער, האָט אַלעמאָל געפּלאַפּלט וועגען פרייער ליבע און פונדעסטוועגען האָסטו איהם געדאַרפט געבען ערקלערונגען און דערציילען אַ גאַנצע מעשה און ער פאָרשט נאָך און פרעגט זיך נאָך (אויף אַ נאָמען, אויף אַן׳אַנדערס און אויף אַלע קלייניגקייטען, עס איז אַזוי לעכערליך, און אַזוי נישט שעהן...

„גוט, וועגען מיר און אַלבערט׳ן איז פאָרלויפיג אַזוי, ווי עס איז פריהער געווען, ער קומט צו מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט און גאָרנישט. עס איז אַזוי ווי אַלעמאָל...

„פרעגסט מיך, אויב איך האָב איהם ליב? עס איז דאָסזעלבע ווי מיט דיר איז געווען, צופיל משוגע פאַר איהם בין איך נישט. אָבער פיינט האָב איך איהם אויך נישט. אין גרונד גענומען איז ער זעהר אַ וואוילער מענש. איך בין זיכער, אַז ער וועט זיין צו זיין פרוי אַ זעהר גוטער מאַן, און דאָס ווייסטו דאָך, אַז אַלבערט, איז אַ גרויסער פערדינער, געלד האָט ער, און איך בין זיכער, אַז ווען ביי אונז וועט זיך ענדיגען מיט הייראַטען וועל איך, מיט איהם זיין זעהר גליקליך.

„וועגען אונזער בענעהמען זיך, וועגען אונזערע בעציהונגען איינער צום צווייטען יעדעס מאָל, ווען ער קומט צו מיר, איז דאָס זעלבע, ווי אַלע מאָל, ער קושט מיך, אָבער ווען איך הויב אָן צו מערקען, אַז ער ווערט ווילד, רייס איך זיך אַוועק פון איהם און איך זאָג צו איהם זעהר איידעל, זעהר פרום:

— אַלבערט אַהיים.

— פאַרוואָס? פרעגט ער אַלעמאָל מיט דעם זעלבען הונגעריגען בליקעלע, און איך רוים איהם אַריין אין אויער אַלעמאָל דעם זעלבען פרומען ענטפער:

— מען טאָר נישט.

— ווען מען האָט ליב, מעג מען — עסט ער מיך מיט די אויגען, און איך ענטפער ווייטער:

— ניין.

— האָסטו מיך דען נישט ליב? — פרעגט ער.

— יאָ, איך האָב דיך ליב.

— פאַרוואָס־זשע? — קוקט ער מיר פילבעדייטענד און גלייך אין די אויגען אַריין.

און איך רוים איהם אין אויער אַריין אַ סוד:

— נאָך דער חתונה אַלבערט, וועל איך דיינע זיין אינגאַנצען, אינגאַנצען דיינע.

ענטפערט ער גאָרנישט און שוויגט שטיל.

דו פרעגסט מיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די אַלטע פראַגע: אויב ער מיינט ערנסט מיט מיר און אויב ער האָט מיך ליב וועל איך, דיר נאָכאַמאָל געבען מיין אַלטען ענטפער:

— יאָ, יאָ, יאָ!

„ער האָט מיך ליב, ער איז פאַר מיר משוגע, וועגען דעם איז ביי מיר גאָר קיין שום צווייפעל נישטאָ, נאַטירליך, האָלט ער אין איין דערצעהלען מיר ווי ערנסט און ווי הייס ער האָט מיך ליב, וואָלט איך זיך אויף ווערטער נישט פערלאָזען, שפּיר איך אָבער די ערנסטקייט פון זיין ליבען מיך, פאַרוואָס זשע לעגט ער אַלץ אָפּ אונזער הייראַטען? אויף וואָס וואַרט ער? וואָס האַלט איהם אָפּ? וואָס שטייט איהם אין וועג?

„ווער איך אַלץ מעהר און מעהר איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון מיין מיינונג, ווי איך שטויס זיך אָן, האָט דער מענש געפיהרט נישט קיין איבערצייגעס זויבערען לעבען. און ווער קען ווייסען מיט וויפיל פרויען ער האָט געהאַט צו טון? זוכט ער איינע, וואָס זאָל זיין נישט ווי די, מיט וועמען ער האָט געהאַט צו טון, ער זוכט אומשולד און ער וויל זיך פערזיכערען איידער מען ווערט פערהייראַט.

„וואָס זשע שרהלע, בלייבט מיר צו טון? ווי אַזוי זאָל איך האַנדלען ווי אַזוי זאָל איך זיך בענעהמען מיט איהם? זאָל איך מיט איהם ווערען אינטים פאַר דער חופה? ווייסט דאָך, שרהלע, מיין סוד. בין איך זיכער, אַז ווי באַלד דאָס וועט געשעהן פאַר דער חתונה וועט ער שוין געפונען אַ וועג, ווי אַזוי עס זאָל ווערען אויס צווישען אונז. וואָס זשע וועל איך אויספיהרען.

„וואָס עס וועט פאַסיר׳ען נאָך דער חתונה שרעקט שוין מיך נישט אַזוי. אַ ווייב איז גאָר אַן׳אַנדער סדר.. און צי ער וועט יאָ גלויבען אין דעם, וואָס איך וועל איהם דערצעהלען אָדער ער וועט נישט גלויבען, וועט מען שוין פערבלייבען מאַן און ווייב, און די צייט וועט פערהיילען אַלע וואונדען...

„קומט מיר אויס ווייטער און ווייטער צו שפּילען מיין ראָלע. איך בין זיכער, אַז איך שפּיל מיין ראָלע אויסגעצייכענט, איך בין זיכער, אַז ער ווערט אַלץ מעהר און מעהר איבערצייגט, אַז איך בין די פערקערפּערונג פון פרומקייט, צניעות און אונבעפלעקטער אומשולד, און אַזוי וועט דאָס שוין מוזען אָנגעהן ביז ער וועט אינגאַנצען „איבערצייגט" ווערען.

„אָבער עס ווערט מיר שווערער און שווערער צו שפּילען מיין ראָלע. דו קענסט מיך דאָך, ווייסטו דאָך אַז איך בין נישט פון די קאַלטע מיידעלעך, דו ווייסט דאָך, אַז אין מיינע אָדערען פליסט הייסע בלוט, דו ווייסט דאָך, מיט וואָס פאַר אַ געפעהרליכען פייער׳ל איך צינד זיך אָן פון אַ מאַנ׳ס צערטליכקייטען, פון אַ מאַנ׳ס הייסע לאַסקעס, און גלויב מיר, אַז אין די נעכט, ווען מיין געליבטער פערברענגט מיט מיר, און געהט דערנאָך אַוועק, האָב איך פאַר זיך קיין אָרט נישט, איך לייד אמת׳ע גהינום־יסורים פון מיינע פערשטיקטע פערלאַנגען, אַן׳אַנדערש מאָל פיהל איך, אַז איך ווער משוגע, מיר ווערט שווער און שווערער צו שפּילען מיין מאָדנע ראָלע.

„און דאָ האָט גענומען איבער מיין קאָפּ לויערען גאָר אַ נייע געפאַהר. אין דעם הויז איז דאָ אַ געפעהרליכער בחור, בעזונדער איז דער חברה מאַן, קען ער איינברעכען אַ מויער, הויך, ברייט פלייציג, אַ גיגאַנט, און ער איז דערצו אַזאַ פרעכער יונג.

„מיר זענען בעקאַנט, ווי געוועהנליך, האָט אָט דער חברה־מאַן געמוזט דערשמעקען. וואָס פאַר אַ מין פּאָליטיק עס געהט אָן צווישען מיר און אַלבערטען. און שוין עטליכע מאָל, ווי נאָר אַלבערט געהט אַוועק פון מיר, קלאַפּט ער אין מיין טיר אָן אונטער פערשידענע פוילע תירוצים. אַזאַ צוטשעפּעניש! און ער מאַכט זיך אַזוי היימיש אין מיין צימער, און ווי ער קוקט מיך אָן, דער אויסוואורף! וועלכע מיאוס׳ע, ציניש בליקעלעך ער וואַרפט אויף מיר! אַן׳אַנדערש מאָל ערלויבט ער זיך שוין אַביסעל צופיל. עפּעס נאָר אָהן אַ בעדייגע צערעמאָניעס טוט ער מיך אַ נעהם אין זיינע אייזערנע אָרעמס און דריקט מיך אַזוי ווילד צו צו זיך, אַז עס הויבט זיך, מיר אָן צו־מישען אין מיין קאָפּ.

„דעם לעצטען מאָל, ווען אַלבערט האָט מיט מיר פערבראַכט אין מיין צימער ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף דעמזעלבען שטייגער, ווי מיר פערברענגען געוועהנליך, און ווען ער איז שוין אַוועק און איך בין אַליין געבליבען, האָט דער אויסוואורף אָנגעקלאַפּט, ער רוקט זיך אַריין, מאַכט זיך היימיש, און מיטאַמאָל, מיר נישט דיר נישט דערצעהלט ער מיר:

— „איהר ווייסט קלאַראַ, אויף דער פריהערדיגער וואוינונג, וואו איך בין איינגעשטאַנען האָט זיך אויך געפונען אַ מיידעל, האָט זי געהאַט אַ חתן עפּעס אַ שעהמעוודיגער בחור געווען. און ווען נאָר ער פלעגט קומען צו איהר, און זי פלעגט זיך מיט איהם אַפּגוזשען ביז שפּעט אין דער נאַכט, און ער פלעגט אַוועקגעהן פלעג איך, צו איהר אַריינקומען, און מיר ביידע פלעגען גוט פערברענגען.

„איך האָב דעם חברה מאַן געהייסען גלייך אַפּטראָגען זיך. פונדעסטוועגען, אויב אַלבערט וועט אויף ווייטער אַזוי אָנגעהן מיט זיין „פּאָליטיק", האָב איך שטאַרק מורא פאַר דער נייער געפאַהר.

„פערברענען מיין בריף, גלייך ווי דו וועסט איבערלעזען, אַזוי ווי איך טו מיט דיינע בריף.

„ערוואַרטענדיג דיין באַלדיגען ענטפער, פערבלייב איך דיין קלאַראַ".

—=:[O]:=—

ר׳ מרדכי׳לע נאַדוואָרנער

(פאָלקסטימליך)

פון יצחק אבן

פון קיין שום גוטע יודען דערצעהלען נישט זייערע חסידים נאָך אַזוי פיל מופתים, ווי די חסידים פון ר׳ מרדכי׳לע נאַדוואָרנער. דאָס אינטערעסאַנטע פון די מופתים מעשיות איז, וואָס מען זעהט דערפון אַרויס, אַז ר׳ מרדכי׳לע האָט קיין מאָל נישט געוואָלט מתפלל זיין השם־יתברך, זאָל בעשטראָפען אַפילו דעם גרעסטען רשע. ס׳הייסט אַז ער האָט אַמאָל דעריבער בפירוש געזאָגט צו זיינע חסידים: „ווי קען מען עפּעס טון תפילה צום אלקי הרחמים, איהם אַריינצוברענגען אין כעס אַריין כדי צו טון שלעכטס וועמען עס איז?"

אָט למשל, האָט זיך אַמאָל געטראָפען אַזאַ מעשה:

אין אַ יודישען ישוב אין אונגאַרן האָט געוואוינט אַ יוד, אַ בכבוד׳ער בעל־הבית און אַ ירא־שמים. האָט זיך איהם געטראָפען אַן׳אומגליק וואָס זיין איינציגע טאָכטער האָט זיך פערליבט אין אַ שגץ פונ׳ם זעלבען ישוב. איז לא די, וואָס זי האָט פערלאָזט דעם פאָטערס הויז, זיך געשמד׳ט און געוואוינט ביים שגץ אין הויז, האָט זי נאָך אויסגערעדט [illegible]־לדבר אויף אַלע יודען, ממש אַלדאָס־בייז, און געמאַכט חוכה וטלולא פון איהרע אייגענע יודישע עלטערען.

אַזוי ווי זי איז שוין געווען פוליעהריג און דערמיט אויך זעלבסטשטענדיג, האָט דער אומגליקליכער פאָטער גאָר נישט געקענט טון דאַגעגען. זיין צער איז דעריבער געווען מורא׳דיג.

געקומען די צייט, די טאָכטער זאָל חתונה־האָבען מיט׳ן שגץ. מען האָט שוין געהאַט אויסגערופען אין דער קירכע, ווי דאָס געזעץ פערלאַנגט, איבער די בעפאָרשטעהענדע חתונה, האָבען די עלטערען איהרע נישט געקענט איבערטראָגען דעם וועהטאָג און די בושה. די מוטער איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען פאַר צרות און דער פאָטער האָט שוין קוים געקענט זיך האַלטען אויף די פיס.

האָט זיך דער פאָטער דערמאָהנט, אַז ער האָט פיל מאָל געהערט נאָכדערצעהלען הימלישע מופתים פון ר׳ מרדכי׳לע נאַדוואָרנער. ער האָט דעריבער נישט געמאַכט קיין שהיות, אַריבערגעפאָהרען צום צדיק קיין נאַדוואָרנע, אדעתא דהכי צו בעטען דעם צדיק ער זאָל מתפלל זיין צו השם־יתברך, דאָס די טאָכטער זיינע זאָל איינגעהמען אַ מיתה משונה פאַר דער חתונה, כדי נישט צו פערגרעסערען נאָך דעם שרעקליכען חלול־השם, וואָס זי האָט גורם געווען דורך איהרע מעשים תעתועים, און פערשוואַרצען דאָס פנים, איהם און זיין גאַנצע משפחה, לדור דורות.

שרעקליך אויפגערעגט איז דער נאַדוואָרנער צדיק געוואָרען, בעת ער האָט געלייענט דאָס קוויטעל און דערזעהן די בקשה פונ׳ם אומגליקליכען פאָטער. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטוהל, אויסשרייענדיג אויפ׳ן קול:

„חלילה, חלילה! זי דאַרף נישט און וועט נישט שטאַרבען. איהר זייט דאָך אַ יוד, וואָס האָט עפּעס געלערענט, דאַרפט איהר דאָך וויסען, וואָס השם־יתברך האָט געזאָגט דעם נביא: החפץ אחפוץ במות המת"? האָב איך דען אַ נוץ און אַ בעדאַרף דער רשע זאָל שטאַרבען? איך וויל נאָר ער זאָל תשובה טון, און ווייטער בלייבען לעבען"!

„אָבער הייליגער רבי, עס איז שוין אַ פערפאַלענע זאַך — האָט דער פאָטער מיט געוויין אויסגערופען — זי האָט פיינד אונז און דאָס גאַנצע יודענטום שנאה למות. זי איז שוין צו ווייט פערגאַנגען, קיין תשובה וועט זי שוין זיכער נישט טון".

„השם־יתברך פרעגט ביי דיר נישט קיין עצות — האָט דער צדיק געזאָגט מיט אַ טאָן געמישט פון תרעומות און רחמנות — מיט עצות איז כביכול פערזאָרגט, ער האָט שוין זיינע מיטלען און דרכים ווי אַזוי צו ברענגען אַ ישועה אין אַן׳עת־צרה, געהט און בעט צו השם־יתברך, ער זאָל איבערקעהרען דאָס האַרץ פון אייער קינד צום גוטען. מיר וועלן אייך מיטהעלפן מיר וועלען אויך מתפלל זיין.

דער פאָטער איז אַוועקגעגאַנגען אויף דער סטאַנציע, ער האָט אָבער נישט געקענט בשום־אופן איינגרוהען. ער איז באַלד צוריקגעקומען צום רבין און ווידער אָנגעהויבען צו וויינען.

איז דער רבי אין דער תחלה אַריין אין כעס און אויסגערופען:

„וואָס ווילסטו ווירער? כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט". ער האָט זיך אָבער באַלד בערוהיגט און זיך אָנגערופען.

„וויבאַלד איהר זענט שוין דאָ, טאַ זיצט אייך אַנידער פאַר אַ ווילע, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה".

און דערצעהלט האָט ער איהם אַ מעשה פון אַ לאַנג־יעהריגען משומד, אַ שונא ישראל, וועלכער פערבייפאָהרענדיג אַמאָל פאַר׳ן פאָטערס הויז, האָט זיך אין איהם דערוועקט זכרונות נעורים, און אַ מורא׳דיג בענקעניש האָט פלוצים אָנגעהויבען צו טאָטשען אין זיין האַרץ צום פערלאָזענעם יודענטום און צו זיין פאָלק, ער האָט זיך דאַן נישט געקענט בערוהיגען ביז ער איז צוריק געוואָרען אַ יוד, און טאַקע גאָר אַ פרומער יוד, כדבעי, ווי ס׳געהער צו זיין.

„איצט פאָהרט אַ היים לחיים ולשלום — האָט ר׳ מרדכי׳לע געזאָגט צום פאָטער פון דער משומדת, נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט דעם סיפור המעשה — איך האָף צו השם־יתברך, אַז איהר האָט שוין די ישועה".

קומענדיג אַהיים, צוויי טעג איידער די טאָכטער האָט געזאָלט חתונה האָבען, האָט גראָד אַ צופאַל די טאָכטער דערזעהן דעם פאָטער געהענדיג אין דער גאַס, בעת דער פאָטער האָט זי גאָר נישט בעמערקט, און באותו הרגע, האָט זיך אין איהר האַרץ דערוועקט אַ געוואַלדיג בענקעניש צו איהר יודישע היים און אַ מורא׳דיגע חרטה אויף איהרע מעשים. זי איז אַהיימגעקומען צום חתן מיט אַ געוויין און נישט אויפגעהערט צו וויינען ביז צום יום־החופה, ווען זי האָט זיך ענטשלאָסען צו אַנטלויפען פונ׳ם חתן און זיך אומקעהרען צום פאָטערס הויז און צום יודענטום.

זי האָט זיך דאַן מגייר געווען כדת וכדין, און איז צוריק געוואָרען אַ גוטע יודישע פרוי, אַ דאַנק דעם גרויסען כח פונ׳ם צדיק.

אַ מקוה האָט דער צדיק געהאַט, אין וועלכער עס האָבען זיך נאָר געטובל׳ט דער רבי מיט זיינע זיהן, אַ חוץ זיי קיין שום בן־אדם, ווייל עס האָט געהייסען, אַז אין דער דאָזיגער מקוה זענען זיך טובל די נשמות פון יענעם עולם, וואָס קומען צום צדיק זוכען אַ תיקון.

דערצעהלט מען אָט פון די מקוה אַזאַ מעשה:

ר׳ בערטשע, דער צווייטער זוהן פונ׳ם רבין ר׳ מרדכי׳לע, איז אַמאָל אין אַ פריהמאָרגען אַריינגעקומען צום פאָטער אין חדר און איהם דערצעהלט אַ חלום, וואָס ער האָט געזעהן די לעצטע נאַכט:

ס׳האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער געהט פערביי דער מקוה פונ׳ם פאָטער און און געזעהן פון דאָרטען אַרויסגעהן אַ געשטאַלט פון אַ מענש, וועמען ער האָט גוט געקענט און וועלכער איז שוין געהאַט געשטאָרבען אַ לאַנגע צייט צוריק.

אין דער ערשטער רגע האָט ער זיך זעהר דערשראָקען. אָבער באַלד דערויף האָט ער געפאַסט מוט און געפרעגט דעם בר־מינן, וואָס ער האָט עפּעס געטון אין זיין פאָטער׳ס מקוה.

„איך האָב מיך דאָרטען טובל געווען — האָט איהם דער בר־מינן געענטפערט — די טבילה אין דיין פאָטער׳ס מקוה האָט די זעלבע פעולה, ווי די טבילה אינ׳ם נהר־די־נור (אַזאַ מין פייערדיגער טייך, אין וועלכען די נשמות פון צדיקים און די מלאכים זענען זיך טובל איידער זיי דאַרפען ערשיינען אין די העכערע ספירות פונ׳ם הימעל). דעריבער זענען זיך פיל טויזענדער נשמות טובל אין דער הייליגער מקוה.

„אָט דאָ האָסטו אַ סימן, אַז מיינע דבורים זענען אמת ויציב — האָט צו איהם דער נפטר ווייטער געזאָגט, — נעכטען ביזטו געווען דער לעצטער, וואָס האָט זיך טובל געווען אין דער מקוה. דו האָסט זי דאַן פערשלאָסען און דער שליסעל איז ביי דיר אין קעשענע. געה איצט באַלד דער ערשטער אין מקוה אַריין, וועסטו זעהן, אַז דאָס ברעט, מיט וועלכע דו האָסט בידים צוגעדעקט די מקוה, איז אַוועקגערוקט אין אַ זייט, און די מקוה איז גאַנץ אויפגעדעקט".

דער בר־מינן איז פערשוואונדען באותו רגע האָט זיך ר׳ בערטשע אויפגעכאַפּט פונ׳ם שלאָף. זיך דערמאָהנט, אַז ער, אַלס דער לעצטער אין מקוה, האָט באמת נעכטען פערדעקט די מקוה מיט׳ן ברעט. ער איז באַלד געגאַנגען מיט׳ן משרת אין מקוה אַריין און צו זיין גרויס ערשטוינען, געטראָפען דאָס ברעט ליגען אין אַ זייט און די מקוה גאַנץ אויפגעדעקט, פונקט ווי דער בר־מינן האָט איהם געזאָגט.

פון דעמאָלט אָן האָט דער צדיק אַ בעפעהל געגעבען, אַז אַפילו זיינע אייגענע זיהן מעגען זיך נאָר טובל זיין אין דער מקוה ווי באַלד דער צדיק איז אינדערהיים. טאָמער פאָהרט ער אָבער אַוועק, זאָל מען די מקוה אינגאַנצען פערשליסען. פאַר יעדען איינעם, ביז ער וועט צוריקקומען, (ער האָט אין זיין הויף געהאַט נאָך אַ צווייטע מקוה פאַר׳ן בני־בית און פאַר די היימישע חסידים)

אַמאָל האָט זיך געמאַכט, דאָס מען האָט בעדאַרפט פעררי כטען די מקוה. האָבען זיך אָבער כסדר געמאַכט פערשידענע הינדערנישען, אַז דער צדיק איז דורך זיי געשטערט געוואָרען פון דער מלאכה. גערעכענט האָט דער צדיק, אַז די הינדערניסען מאַכען די נשמות, וואָס ווילען דאַדורך זיין פערהינדערט פאַר אַ צייט זיך דאָרט טובל צו זיין, מחמת מען וועט מוזען בשעת מלאכה דאָס וואַסער אויסשעפּען.

מה עשה? וואָס האָט דער צדיק דערצו געטון? האָט ער מיט זיך גענומען אַ מנין פון זיינע הייסע חסידים, מיט זיי געגאַנגען ביז צו דער דאָזיגער מקוה, און מיט גרויס התעוררות אויסגערופען:

„אין דער געגענוואַרט פון אַ מנין יודען, וואו עס איז פאַראַנען אַ השראת השכינה (כל בי עשרה שכינה שריה), אַסר איך די טבילה פאַר אַלע נשמות אין מיין מקוה, וועלכעס איז מיין אייגען רשות און קיין פרעמדער האָט דאָ נישט קיין חלק ונחלה, מהיום והלאה, ביז איך, וועל נישט ענדיגען די גאַנצע מלאכה, וועלכע איז פאַר מיר נויטיג לתיקון הבנין, צו פעררי כטען די געביידע, מחמת איך האָב בכלל נישט געמאַכט די מקוה לכתחילה פאַר מתים, נאָר פאַר לעבעדיגע, האָב האָב איך דעריבער אַ רעכט צו טון כאדם העושה בשלו".

און אַ פלא, נאָך די פייערליכער צערעמאָניע, האָט זיך מעהר נישט איינגעשטעלט קיין איינציג הינדערניס, ביז צו דער ענדע פון דער גאַנצער מלאכה.

אזא מין משונה׳דיגער צדיק מיט אַזעלכע משונה׳דיגע הנהגות איז געווען דער נאַדוואָרנער צדיק ר׳ מרדכי׳לע.

הומאר **דער קונדס** סאטירע

צוזאמענגעשטעלט דורך א. שארפציגעל

פאליטיק פון דער וואך

דייטשלאנד.

מען הערט נאך אלץ נישט אויף צו דולען א קאפ מיט דעם דייטש.

דייטשלאנד אהין, דייטשלאנד אהער, דייטשלאנד פון פארענט, דייטשלאנד פון הינטען. — די וועלט איז פול מיט דייטשלאנד.

פאר אונז, „קונדס״־דיפלאמאטען, איז דער עסק אביסעל פערדעכטיג, פון ריין דיפלאמאטישען שטאנד פונקט. אונז וואונדערט, וואס מען געוואלדעוועט אזוי שטארק איבער דייטשלאנדס צרות. ווער, איי־געטליך, האט נישט היינט קיין צרות? גרעסערע, אדער קלענערע צרות, אבער צרות זענען פארהאן. וויבאלד־זשע פאר וואס פילדערט מען נישט אזוי שטארק וועגען אלעמענס צרות, ווי וועגען דייטשלאנדס צרות?

דייטשלאנד האט נישט צו צאהלען? ווער האט היינט יא צו צאהלען? דייטשלאנד וויל נישט צאהלען? ווער וויל היינט יא צאהלען?

עס געהט דאך איצט די סדרה: „מ׳קאן נישט און מ׳וויל נישט״.

דעריבער איז אונז פערדעכטיג דער רעש ארום דייטשלאנד.

פערדעכטיג, שוין איינמאל פערדעכטיג.!

א מתנה פאר׳ן טאטען

עס איז געווען ערב דעם טאטענס געבורטסטאג, און די מאמע איז געזעסען מיט די קינדער און זיך בעראטען, וואס פאר א פרעזענט מען זאל דעם טאטען קויפען.

— דער 10־יאהריגער זוהן האט אויסגערופען:

— ווייסט, מאמע, איך האב געזעהן א בוך, וואס הייסט: „ווי אזוי צו ערציהען קינדער אהן שמיץ״. אט דאס בוך דארף פאפא טאקע האבען, לאמיר עס איהם קויפען!

א מערקווירדיגע זאך

לעהרער: און איצט רוף מיר אן ביים נאמען עפעס א מערקווירדיגע חיה, וועלכע לעבט אין אויסטראליען.

שילער: דער העלפאנט.

לעהרער: וואס רעדסטו? ווייסט דען נישט, אז אין אויסטראליען געבען נישטא קיין העלפאנ־טען?

שילער: אי... איך ווייס... אבער טאקע דער־פאר, דענק איך, וואלט א העלפאנט אין אויסטרא־ליען געווען א גאנץ מערקווירדיגע זאך.

זי פאלגט

פרוי ריטשמאן איז האסטיג צוגעלאפען צו איהר דינסט־מיידעל, וועלכע האט שפאצירט מיט איהר געליבטען און געפרעגט:

— זאג נאר, ווער האט דיר ערלויבט ארומ־שפאצירען אין גאס אין מיין קלייד?

דינסט־מיידעל: איהר אליין האט מיר ערלויבט

פרוי ריטשמאן: ווען? ווי אזוי?

דינסט־מיידעל: איהר געדענקט שוין נישט? איהר האט דאך מיך היינט, אויסדריקליך אנגעזאגט, אז איך זאל דאס קלייד גוט אויסלופטערען, איידער איך הענג איהר אריין אין קליידער־שראנק.

רייד ווערען

גוטס־טון בעצאהלט זיך אפשר טאקע, אבער קיין מיליאנער איז נאך דערוייל קיינער פון דעם נישט געווארען.

אין גן־עדן אריין

דער רבי פרעגט ביי איהם, וואס פארא מענ־שען עס געהען גלייך אין גן־עדן אריין, רופט זיך אפ׳עס דער קליינער האריי:

— טויטע.

פארוואס די טאכטער דארף זינגען

דער באלעבאס האט זיך צוגעבויגען צו זיין פרוי׳ס אויער און א שעפטשע געטון:

— בעה, זאג אונזער טאכטער, אז זי זאל עפעס זינגען.

— וואס פאלט דיר איין? — שעפטשעט צוריק די פרוי, — ס׳איז שוין אזוי שפעט ביינאכט. די געסט דארפען שוין באלד געהן אהיים.

— זיי דארפען, אבער זיי געהען נישט, — שעפטשעט צוריק איהר מאן, — דערפאר טאקע וויל איך, אז אונזער אידא זאל אנהויבען זינגען. אפשר וועט דאס זיי ארויס׳טרייבן פון הויז.

פארוואס ער האט נישט קיין פריינד

דער קליינער פריץ האט זיך בעקלאגט פאר זיין מוטער, אז ער האט נישט קיין איין פריינד צווישען זיינע שול־קאלעגען.

— ווי קומט עס טאקע, — חידוש׳ט זיך די מוטער — וואס דו האסט נישט אין שולע קיין איינציגען פריינד?

— פערשטעהסט, מאמע, — מאכט פריץ, דאס איז אזוי: די שוואכע קינדער, וואס קריגען פון מיר קלעפ, קענען מיך נישט ליידען, און די שטאר־קע קינדער, וועלכע גיבען מיר קלעפ, קען איך זיי ממש נישט ליידען.

ויסעו ויחנו...
קעגעז די דיפלאמאטישע רייזעס

ס׳גייט א סדרה איצט פון פאהרען.
דיפלאמאטען פאהרען אום:
לאנדאן, רוים, פאריז און ניו־יארק,
ס׳איילט בערלין זיך אומעטום...

ס׳איז א שפרינגעניך, ס׳איז א לויפעניך,
ס׳לויפען דייטשען מיד און מאט.
ווי רחמנא יצילנו —
שלשול וואלטען זיי געהאט...

בריבינג - קורציוס רייסען קברים,
זוכען פאראיאהריג שניי —
איז מען זיי מקבל פנים,
ווי די קוני־לעמלעך צוויי...

אז זיי קומען געלד צו בארגען,
אויסדערציילען זייער צער —
כאפען וואו א גמילת חסד:
אז מע שמועסט: „יעקע נאר״...

— בארגעט, רבותי, עפעס כסף,
שעהמט זיך, נישט, דערלאנגטס אהער,
נישט פאר אייך געדאכט, ס׳איז ביטער,
ס׳איז אונז וויסט און פוסט, און לעער!...

און מען הערט זיי אויס געלאסען,
און מען נתן׳ט נישט דערווייל —
אבער קודם כל: מען ארבייט,
לויפט מען, יאגט מען — א געאייל!

יאקעל בן פלעקעל.

ער לאכט נאר דערווייל

איראפעאישע דיפלאמאטען ברעכען זיך די קעפ וועגען געלד און דער אמעריקאנער שטעהט אין דער זייט און לאכט

א מאדערנער טייטש

— וואס איז דער טייטש:
„על שפת הים יחד כולם״.
— דאס הייסט אלע צוזאמען בעטען גאט ווי דערלעבט מען שוין זיין ביים ברעג ים...

לייב שטאבינסקי.

צוטומעלט

דער גליקליכער טאטע איז געווען אזוי צוטו־מעלט פון דער בשורה אז זיין יונגע ווייבעל האט איהם געבוירען א צווילינג אז ער איז גלייך אוועק אין טעלעגראפען אמט און אוועקגעקלאפט צו זיינע עלטערען פאלגענדע קורצע טעלעגראמע:

„ היינט צווילינג, ווייטער׳עס מארגען״...

זי איז שפארזאם

— דו ביסט אנ׳אויסבערענגעריין, דו ביסט נישט שפארזאם. היינטיגע צייטען מוז מען לעבען אביסעל צוריקגעצויגען.

— נישטא ווער עס זאל לאכען, איך בין נישט שפארזאם? אט היט איך אפ מיין חופה־קלייד ווי אנ׳אויג אין קאפ, ווייל טאמער וועל איך דארפען נאך אמאל חתונה האבען, און דאס הייסט ביי דיר נישט שפארזאם?

איך געווען א פרעמדע!

פרוי (צו איהר מאן): משה, פארוואס קוקסטו היינט אויף פרעמדע פרויען? בעפאר אונזער חתונה האסטו נאר געקוקט אויף מיר אליין.

מאן: הא, דאן בידטו דאך אויך געווען א פרעמדע...

אפרים גריידיגער

אמאל איז אפרים גריידיגער געקומען אין א דארף אריין אין א פרייטאג און האט געהאלטען שבת ביים ארענדאר.

ביים טיש זיצענדיג פרעגט אפרים דעם ארענ־דאר:

— ווי אזוי געהט עס אייך אין דארף, זענט איהר גוט מיט די גוים?

דערויף זיפצט דער ארענדאר:

— כלבים איינער ווי דער אנדער, שונאי ישראל. אט למשל האב איך א גרויסען גארטען האב איך איהם פערזייעט מיט קוקורוזעס, האט אבער דער גארטען נישט קיין פלויט. בעמט מיין שכן א רייכער פויער, א דבר אחר דערצו, וואס האט בערך א זעכציג אדער גאר זיבעציג עופות, און לאזט זיי ארויסגעהען די הינער ארויף אויף מיין גארטען, פארסקען מיט די דזשיבעס אויס די קערנער פון די קוקורודזעס און מען מאכט מיר א תל פון שטיקעל גארטען.

זאג איך דאס דעם פויער, דעם שכן דעם דבר אחר, זאגט ער:

„היהנער מוזען ארומלויפען פריי״ צו היהנער קען ער נישט האלטען קיין שומר, ער קען זיי נישט שטערען, וואואהין זיי זאלען געהען — און אויב זיי מאכען דיר שאדען, מאך דיר ארום דיין גארטען א הויכען געדיכטען פלויט״.

און פערשטעהט איהר מיך — מאכען א פלויט צו אזא גרויסען גארטען איז אונמעגליך, איז שלעכט צווישען די פויערים. כלבים איינער ווי דער אנדערער.

זאגט אפרים גריידיגער:

זארגט אייך נישט ר׳ קרוב. איך וועל אייער שכן, דעם דבר אחר שוין אפשפילען א חתונה, אז מעהר וועט זיינס א היהן שוין נישט מעהר אריינקומען אויף אייער גארטען.

שבת ביינאכט נאך הבדלה האט אפרים געמען ... גאנץ שאק אייער און האט זיי אויסגעלעגט אין גארטען פון ארענדאר אין אלע טיילען פון גארטען. זונטאג אין דער פריה, איז א אנדערער פויער א שכן דורכגעגאנגען נעבען דעם גארטען פון ארענדאר און האט פלוצים דערזעהען ווי איר־בער׳ן גארטען געפינען זיך גרויסע שעהנע אייער. געוואוסט האט ער, אז דער יוד איציק האט איבער־גאנצען אפשר דריי היהנער און ער האט זיך גע־טראכט, דאס די אייער זענען אוודאי פון די היהנער פון זיין רייכען שכן, וואס קריכען צום זשיד אין גארטען אריין.

ווען דער שכן, דער, דבר אחר, האט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער ארויס און האט אלע היהנער ארויסגעטריבען אין קאמער, אין שטאל. מעהר האט ער זייבע היהנער נישט געלאזט געהען אויף דעם גארטען פון שכן דעם זשיד.

דער ארענדאר האט דאן געזאגט:

איהר הערט! איהר הייסט טאקע: אפרים גריידיגער.

איך בין נישט איינזאם

צי איהר קענט מיך? הער א שאלה!
בערל קבצן איז בעוואוסט:
איך בין פון די שטארקע גבירים,
נאר די קעשענע איז פוסט...
הערען הער איך אלץ און זעה אלץ
און אין הארצען עס גלוסט;
אבער, וואס איז פון דעם חשק,
אז די קעשענע איז פוסט,
דרעה איך מיר ארום פערחושכט
זעה א פייגע, רייכע וועלט,
נאר אין הארצען איז נישט פרעהליך —
ס׳איז נישטא א גראשען געלד.
אמת, היינט בין איך נישט איינער,
כ׳האב חברים הויכע לייט,
וועמען דריקט דען נישט דער קרידיט,
וועמען קוועטשט נישט צו די צייט?
דייטשעל געהט שוין מיט דער טארבע,
בעטעלט גראשענס ביי דער וועלט
און א סברא ביי ר׳ ענגלאנד
הויבט שוין אויך אן פעהלען געלד,
ס׳קבייטשט אמעריקע זיך אויבעט,
נאר זי קנייפט און שטעלט די פארב;
איך האב מורא, אז אויך פראנקרייך
וועט נישט איינהאלטען דעם „סקארב״.
יא, איך בין שוין איצט נישט איינער,
אומעטום איז בעבעך בלאה,
אבער פרעהליכער עס ווערט נישט
און קיין שכירות איז נישטא.

שמערעלע.

א יושר

— פארוואס בעטעלסטו נדבות? פארוואס זוכ־סטו נישט בעסער קיין ארבייט?

— איך האב שוין איינינע מאל בעשלאסען צו געהן ארבייטען, אבער, אז איך גיב א קוק אויף די טויזענדטער ארבייטסלאזע, פרעגט ביי מיר דאס געוויסען; איז עס יושר׳דיג צו געהן זוכען ארבייט, ווען אזוי פיל מענשען געהען ארום אהן ארבייט?

אנ׳אומגליק

— האט איהר געהערט וועגען דעם אומגליק וואס ס׳האט פאסירט מיט דער פרוי בארגעל!

— וואס איז, זי האט פערלוירען איהר שטימע און זי זינגט מעהר נישט?

— ניין, איהר מאן האט פערלוירען זיין געהער, איצט, אז ער איז טויב, ווער וועט זאגען מביצוח אויף איהר זינגען? אזא אומגליק!

נישט פרובירט

מיידעלע: — איז אמת, מאמא, וואס מען זאגט אז פאר א פרוי איז זעהר שווער צו האלטען א סוד?

מאמע: — איך ווייס נישט, קינד מיינס, איך האב עס קיינמאל נישט פרובירט.

א שווערע ארבייט

אויף אנ׳אויסשטעלונג פון מאדערניסטישער קונסט־בילדער האבען צוויי קריטיקער זיך אפגע־שטעלט פאר א גרויסען מאדערניסטישען מייסטער־ווערק און עס בעטראכט.

— זעהט דאס בילד? — האט איין קריטיקער זיך אנגערופען, — גאנצע צעהן יאהר האט דער מאהלער אויף דעם געארבייט!

— צעהן יאהר!

— איין מאנאט האט ער געארבייט ביים מאה־לען דאס בילד, און ניין יאהר מיט 11 מאנאטען ארבייט ער שוין מיט שוויס, פרובירענדיג צו גע־פינען פאר איהם א קונה...

גלייך אויף גלייך

— איך קען איינשטעלען מיין קאפ, אז דו וועסט פערלירען דעם פראצעס!

— און איך קען איינשטעלען מיין טייסטער, אז איך וועל געווינען דעם פראצעס!

— אבער דיין טייסטער איז דאך ליידיג!

— אזוי איז אויך דיין קאפ. איהר וועט זיין נאר גלייך אויף גלייך.

אנ׳אייזעל מיט א קעמעל

דער קליינער טאטע מיט זיין לאנגען, בארי־שען בחור׳עץ זענען געשטאנען אין א געוועלב און איינגעהאנדעלט פערשידענע זאכען אויף מיט־צונעהמען אויף זייער זומער־וואוינונג. צווישען אנדערע זאכען, האט דער פאטער אויך אנגעקוקט די ביינערנע קעמלעך.

ווען דער זוהן האט דאס דערזעהן, האט ער זיך צולאכט אויפ׳ן הויכען קול:

— הא־הא־הא! פאפא, צו וואס דארפסטו האבען א קעמעל? האסט דאך א פליך איבער׳ן גאנ־צען קאפ!

דער פאטער איז א ווילע געבליבען שטעהן אין א פערלעגענהייט, דאן האט ער זיך צוגע־בויגען צו זיין בנ׳אק אויער און געמורמעלט:

— אנ׳אייזעל האב איך שוין, וויל איך האבען א קעמעל אויך.

א קרבן פון שפיאנאזש

סענסאציאנעל קרימינעלישער ראמאן

(13

מאריס האט בעמערקט, אז דעם אלטענס האנד האט זיך געעפענט, און ער האט ארויסגענומען א זילבערנע מטבעה.

— הייסט עס, אז דער פארטסיגאר האט זיך אויסגעפונען ? — האט ער פריינדליך א זאג געטון — מיסטער קארלין וועט זיין זעהר צופרידען, ווייל ער האט נישט געוואוסט, וואו ער האט איהם אהינגעטון... ער איז היינט אוועקגעפאהר'ען אויף זיין חתונה־רייזע.

— איך דאנק אייך, סער. — האט דער אלטער געענטפערט, בעהאלטענדיג די מטבעה אין טייסטער — אזוי, הייסט עס, אוועקגעפאהר'ען אויף דער חתונה־רייזע ! האט ער, הייסט עס, חתונה־געהאט אין דער סינאגאגע, וואוהין עס האט זיך געקליבען צו פאהר'ען די אומגליקליכע דאמע, וועלכע מען האט דערמארדעט ? איך האב נישט געוואוסט, סער, אז דאס איז ער ! ס'ארא מורא'דיגער צופאל, סער !.. איך האב זיך דערוואוסט וועגען מארד ערשט מיט א שעה שפעטער... אלץ האט פאסירט דאן, ווען איך האב גראד געפרישטיקט... איך האב היינט אביסעל פערשפעטיגט, ווייל איך האב געמוזט ארויפטראגען א פאקעט אויבען... אטא דאן טאקע האב איך מיט דזשוליאן געפונען דעם פארטסיגאר... ווען איך בין אונטען, וואלט איך אליין אלץ געזעהען מיט מיינע אויגען... היינט גיט נאר א טראכט, סער ! אטא דער טשארלי סאדלער זאל זי האבען דערמארדעט !.. דער חברה־מאן איז משוגע געווארען, אדער האט זיך אנגעשיכורט !..

— איהר קאנט איהם ? — האט סטאר שנעל א פרעג געטון, וועלענדיג וואס גיכער אפווענדען דעם אלטענס געדאנקען פון מאקס קארלינען.

— צי קאן איך טשארלי סאדלערן ? איך מיין עפעס ! איך געדענק נאך, ווי ער איז אין קורצע הויזלעך ארומגעלאפען איבער אט דעם זעלבען סקווער. ער וואוינט צוזאמען מיט זיין מוטער — א זעהר אנשטענדיגע פרוי, סער, — און ער פוצט זיך צו צו דער קליינער סידי דזשעקסאן פון דעם פאסט־ביורא... ער טוט עס, זעלבסטפערשטענדליך, אין געהיים, ווייל די פרוי קעוו האט איהם נישט גערן... ווייזט אויס, (אז זי איז גערעכט... אבער ווער וואלט עס גאר געקאנט איינפאלען, אז ער איז פעהיג אויף אזא שטיקעל ארבייט ?..

— ס'איז נאך נישט דערוויזען געווארען, אז דאס איז ער, — האט סטאר א זאג געטון

— איך מיין עפעס ! זעלבסטפערשטענדליך מוז מען דערווייזען... אויב אבער דאס איז נישט ער, טא ווער זשע דען אנדערש ? אט א דאס איז דאך די מעשה ! ער האט דא געשטעקט דערנעבען, איך ווייס עס גענוי. דערנאך האט ער זיך דורך דער הינטער טיר אריינגעקראגען צו דער פרוי קעוו, כדי א שמועס צו טון מיט סיידי'ן, כל זמן איהר מוהמע איז בעשעפטיגט... און ווען די מוהמע האט זי ארונטערגערופען, האט ער דערזעהען די דאמע אינ'ם טונקעלען ווינקעל, און איז נישט בייגעשטאנען דעם נסיון... דערנאך, ווען ער האט דערזעהן, וואס ער האט אנגעמאכט, איז ער אריינגעשפרונגען אין אויטא, און ארויפגעפאהר'ען אויף א בוים, אזוי האט ער זיך געאיילט, אט אזוי איז עס, פערשטעהט איהר מיך געוויס ! — האט דער וועכטער פייערליך פערענדיגט.

דער אלטער איז משמעות בעוועגט דער ריכטיגער פלאפלער, אבער ער האט אוודאי נישט געוואוסט וועגען דער לעדי ראלסאנס פריהמארגען־בעזוך ביים פראפעסאר קאטשיאלא, און איהם איז נישט געקומען אויפ'ן זינען דער געדאנק, אז דאסהערשיינען פון מאקס קארלינען האט געקאנט האבען א שייכות מיט'ן מארד.

— מעגליך, אז איהר זענט גערעכט ! — האט זיך אפגערופען מאריס סטאר — אלענפאלס מוז מען אבער ווארטען אויף די רעזולטאטען פון דער אויספארשונג. איך גיי ארויף אויבען...

— איך בין זיכער, אז דער פראפעסאר האט זיך נאך נישט צוריקגעקעהרט. אויב איהר ווילט, קאן איך איהם מארגען איבערגעבען, אז איהר זענט דא געווען.

— ניין, א דאנק. איך וועל בעסער אליין כאפען א שמועס מיט דזשוליא'ן. צום ווידערזעהען.

— צום ווידערזעהען, סער. איך וועל איבערלאזען ברענען דאס ליכט אויף די טרעפען, כל זמן איהר וועט ארויף אויבען.

סטאר האט בעדאנקט דעם אלטען און איז אויפגעשטיגען אויפ'ן אכטען שטאק.

אויסערליך איז ער געווען קאלטבלוטיג, אבער די געדאנקען זיינע זענען געווען צודרודערט.

בחנם האט ער געקעמפט מיט'ן שרעקליכען חשד...

ווען ער ווייסט אזוי, אז קארלין מיט עטלען זענען נישט אין דובר, וואלט ער זיך אוודאי איינגעגאנצען פערלויר'ען.

„ ניין ! ס'איז אוממעגליך אין דער וועלט !" — האט ער געמורמעלט, שנעל ארויפגייענדיג אויף די טרעפען — „ער קאן נישט האבען קיין געמיינזאמעס מיט דעם פערברעכען !"

די ספקות האבען אבער איהם נישט אפגעלאזט, די חשדים זענען אלץ געוואקסען, אויף וויפיל ער האט זיך דערמאהנט אין די פרטים פונ'ם מארד.

ער האט זיך אפגעשטעלט ביי דער וואוינונג נומער 17 און האט אנגעקלונגען.

פון אינעווייניג האבען זיך דערהערט שריט, אבער די טיר האט זיך נישט געעפענט.

ס'איז אדורך א צווי מינוט ביז אין דער טיר האט זיך געעפענט א קליינטשיק פענסטערל און א פרויען־שטים האט א פרעג געטון מיט א שטארקען אויסלענדישען אקצענט.

— ווער איז דארט ?

— מיסטער קאטשיאלא איז אינדערהיים ?

— ניין, ער וועט אוודאי נישט נעכטיגען אינדערהיים... ווער זענט איהר ?

— מיין נאמען קאנט איהר סיי־ווי נישט... און איהר זענט עס דזשוליא ?.. נישט וואהר ?

— יא, איך הייס דזשוליא, וואס ווילט איהר ?

— לאזט מיך אריין, וועל איך אייך זאגען... איך קאן נישט שרייען דורך דער טיר... איך האב צו אייך א וויכטיגען ענין !

א ווילע איז געווארען שטיל.

די אלטע האט אומרוהיג א פרעג געטון :

— איך קאן אייך אבער נישט... אפשר זענט איהר אויך פון דער פאליציי ?

מאריס האט זיך אנגעשטויסען, אז דער געהיים־אגענט שנעל האט איהם מקדים געווען, און שוין געמאכט א וויזיט אין דעם פראפעסארס וואוינונג. מאדנע, וואס דער וועכטער האט וועגען דעם גאר נישט געזאגט.

— יא, — האט ער קורץ געענטפערט — עפענט די טיר... איהר האט נישט וואס מורא צו האבען : כ'וועל אייך לאנג נישט פערהאלטען...

(פארטזעצונג קומט).

יאפאנער יודען

(ענדע פון 9־טע זייט).

וואס איך האב פערשריבען לייענט זיך אין יודיש אזוי:

— „מיר זענען קינדער פון די עשרת השבטים, וועלכע זענען געווען אמאל א טייל פון יודישען פאלק, מיר זענען געפאנגען געווארען דורך „סאלמאנאסארן", קיין אשיר. נאכ'ן חורבן פון אשור זענען אונזערע אבות אוועק קיין אזיען... שפאנענדיג פון איין ארט צום אנדערען זענען מיר ענדליך געקומען אין די מדינות. דער גרעסטער טייל פון אונזערע אבות האבען זיך בעזעצט אין כינע, און נאר א קליינער טייל דא אין יאפאן. מיר וואוינען שוין דא בערך 2000 יאהר. די אלטע היסטארישע כתבים און פאסירונגען זענען פערשריבען, לויט די דערציילונגען, וועלכע זענען איבערגעגעבען געווארען בעל־פה פון דור צו דור"...

פון מיין ווייטערדיגען פונאנדערפרעגען בין איך געוואויר געווארען נאך פאלגענדעס :

קיין ספר תורה האבען זיי נישט, זיי האבען די תורה, אבער געשריבען אין א בוך, אויף פאפיר, אין דער יאפאנישער שפראך. מילה היטען זיי שטרענג און דאס ווערט ביי זיי דורכגעפיהרט אין משך פון גאנצען ערשטען יאהר. וואס דאס קינד ווערט געבוירען די וויכטיגסטע יודישע יום־טובים — פסח, שבועות, סוכות אויך, שבת ווערט ביי זיי אפגעהיט בלויז דורך פולשטענדיגען רוה. אין אלעם איבריגען אונטערשיידען זיי נישט די יום־טוב־טעג פון די וואכעדיגע.

אויסער די יודישע יום־טובים פייערן זיי די טעג פון 13. ביז'ן 16. יולי, דאס זענען טעג פון דערמאהנען די געשטארבענע, דא איז כדאי צו בעמערקען, אז דעם זעלבען יום־טוב אין די זעלבע טעג, פייער'ן אויך — בודיסטען.

יעדען שבת און יום־טוב קומען זיי אלע א הער אין בית־מדרש, — דעם טאג איז יעדער מחויב פריהער טובל, צו זיין זיך אין טייך און אנטאן זיין בעסטען און שעהנסטען בגד. שטאלץ מיט אנ'אויפגעהויבענעם קאפ מוז ער קומען צום בית־מדרש.

ביי דער טיר וואשט ער די הענד אין א ברונעם און איידער ער געהט אריין אין אינעווייניגסטען בית־תפילה קוקט ער אריין אין שפיגעל, וואס הענגט דערביי. דאס זאל בעדייטען : „פונקט ווי דו זעהסט דיין פנים אין שפיגעל, אזוי זעהט גאט אין דיין הארץ און לייענט אלע דיינע מחשבות"...

א סך פון זיי האבען טלית און תפילין, נאר זיי טוען עס קיינמאל נישט אן, זיי האלטען עס אלס א היילגטום און היטען עס אין קעסטעלעך פון עלפאנט־ביין.

בעת זייער תפילה לייענט דער רב קאפיטלען „תהלים". אלע שווייגען. נאכדעם האלט ער א דרשה מעניני דיומא. —

שדוכים טוען זיי נאר צווישען זיך, צווישען די אנהענגער פון זייער גלויבען; דערביי ווערען די שדוכים געשלאסען דורך די עלטערן.

חתן־כלה זעהט זיך נישט ביז נאך דער חופה, ווען ער ברענגט זי צו זיך אהיים. אפילו אין בית־מדרש, וואו עס ווערט געמאכט די חופה, איז די כלה בעדעקט מיט א געדיכטען שלייער.

לויט די ווערטער פון רב. ציילט מען אין יאפאן ביי דריי טויזענד יודישע פאמיליעס. זיי וואוינען איבערהויפט אין אסאקא, קיאטא און אומגעגענד. דאס רוב (פון זיי זענען בעל־מלאכות. זייערע עסען, זיטען און מנהגים, זייער בירגערליכע ארבעט אונטערשיידען זיך מיט קיין זאך נישט פון די אלגעמיינע יאפאנער. נאך פיל מאל האב איך געהאט די געלעגענהייט צו בעזוכען דעם רב און יעדעס מאל פלעגט ער צולייגענדיג די האנד צום הארצען, אין עקסטאז געפליסטערט : — איסראעלי ! איסראעלי !

ווען דערביי פלעגט זיין מיין איבערזעצער, פלעגט ער איהם בעטען מיר צו זאגען פאלגענדעס:

— „גלויבט פריינד, אז מיר זענען איזראעליטען און גלויבען אין איינציגען אלמעכטיגען גאט.. קיינער פון אונז, נישט ביז אהער און נישט אין צוקונפט — וועט נישט בוגד זיין אין אונזער גאט און וועט קיינמאל נישט פערבייטען דעם גלויבען פון אונזערע אבות"...

א פרעהליכערע ענגלאנד

(ענדע פון דער 7־טער זייט).

שטאלצער ענגלענדער בייט זיך, ווערט אביסעל אנדערש : ווייכער, פרעהליכער, אויסערליך פריינדליכער.

צי ס'איז צו פערדאנקען דער וועלט־קריג : היינטיגע מלחמות למיט די מיליאנען ארמעען אסימילירען מעהר די מפעלקער חי אידאלירען טוירזענדטער און הונדערטער. טויזענדטער סאלדאטען קומען אהיים פון פרעמדע (אפילו פיינדליכע) לענדער מיט נייע אפגעלערענטע זיטען און מנהגים, פון א שונא לערענט מען אפט מעהר ווי פון א פריינד. דער שינוי אינ'ם ענגלישען כאראקטער וואס קומט איצט פאר, איז אויך צוליב דעם, מאדערנעם שטארק ענטוויקעלטען פערקעהר : דער ענגלענדער איז שטענדיג געווען דער טוריסט, דער רייזענדער צווישען פעלקער. אבער אמאל פלעגען נאר די ענגלענדער פון די העכערע קלאסען זיך קענען ערלויבען אזא לוקסוס ווי צו בעווייזען די וועלט. דער מאדערנער פערקעהר האט אבער אויך בעגעבען די דעמאקראטיעס די מעגליכקייט ארומצופאהרען און אפלערנען זיך אייניגע פון דער אנדערער.

אבער נאך מעהר אפשר בייט איצט דער ענגלענדער זיין כאראקטער צוליב עקאנאמישע סיבות. דער ענגלענדער מיט זיינע סחורות איז שוין נישט דער איינציגער סמיוחס אויפ'ן וועלט־מארק. ער האט צו טון אצינד מיט מעכטיגע קאנקורענטען. און נויט ברענגט נישט נאר אייזען, נאר אפילו א שטאלצען כאראקטער. צו וואס דארף מען היינטיגע צייטען זיין פריינדליך. מען דארף שמייכלען... פריינדליכקייט צאהלט זיך אפשר. און, אז די געשעפטען זענען שלעכט זענען טוריסטען אויך א האפנונג, די אונדירעקטע הכנסה פון טוריסטען איז אפשר נאך גרעסער ווי די דירעקטע. דארף מען זיי צוציהען, רופען. און ממילא קען מען זיי שוין אפיציעל נישט בעצייכענען אלס „עליענס" נאר זיי זענען שוין וויזיטארס.

אט צוליב די אלע סיבות ווערט דער ענגלענדער צוגעלאזטער. דאס אייז פלאצט ביסלעכווייז. דער ענגלענדער שמייכעלט שוין. און מיר וועלען נאך אין גיכען זעהן א פרעהליכע ענגלאנד.

ר. איזראעל

ליבע און טויט

סענסאציאנ. ערא'טישער ראמאן פון לאדזשער לעבע[ן]

(82

דער פאליציי־בעאמטער האט אפגעגעבען א קורצען ראפארט וועגען דעם וואס איז פארגעקומען און בייגעלעגט דעם שטילעט, מיט וועלכען ריטא האט געוואלט דערהרגענען דעם פאליציי־מאן.

דער פאליציי־שעף האט זיך אנגעכמורעט און גלייך צוגעטרעטען אויסצופארשען די עמיגראנטקע.

— ווי הייסט איהר?

ריטא האט אנגעוויזען אז זי פערשטייט נישט וואס מ'רעדט צו איהר.

— דייטש, האט זי געזאגט, און רוסיש פערשטעה איך.

דער פאליציי־שעף האט געהייסען אריינרופען א דאלמעטשער און די אויספארשונג האט זיך אנגעהויבען ענערגיש, קורץ און שארף.

— נאמען און פאמיליען־נאמען?

— ריטא פריהליגג.

— שטאטסאנגעהעריגקייט?

— פוילישע בירגערין.

— ווי אלט?

— 19 יאהר.

— וואס פארא גלויבען ?

— יודיש.

— גיט אהער אייערע דאקומענטען.

ריטא האט אפגעגעבען אלע דאקומענטען, וואס זי האט געהאט ביי זיך, דער פאליציי־שעף האט דאס אלץ באכגעקאנטראלירט זעהר אויפמערקזאם און געזאגט:

— אלץ שטימט גענוי.

— נאך וואס זענט איהר געקומען קיין ארגענטינע ?

— איהר זעהט דאך אין מיין פאס, איך בין א שוישפילערין, און בי'ן געקומען אהער שפילען טעאטער.

— זענט איהר אנגאזשירט געווארען דורך אנ'אונטערנעהמער ?

— יא, דירעקטאר קראמער האט מיך אנגאזשירט און געמאכט מיט מיר א קאנטראקט.

— אין וועלכען טעאטער האט איהר געזאלט שפילען?

— מ'האט מיר געזאגט, אז אין אפאללא.

— אפאללא, אזא טעאטער איז דאך ביי אונז אינגאנצען נישט פערהאן.

— איך לייקען נישט, איך קען גלויבען אז אזא טעאטער איז אינגאנצען נישט פערהאן, איך האב א גרונד אזוי צו גלויבען.

— איז דאס אייער שטילעט, האט דער פאליציי־שעף געוויזען ריטא'ן דאס שארפע מעסער, וואס איז געלעגען אויפ'ן טיש.

— יא, דאס איז מיינס.

— צי האט איהר דערמיט געוואלט ערמארדען דעם פאליציי־בעאמטען ?

— יא, דאס האב איך געפרובט צו טון.

— זייט איהר געזונד פולשטענדיג, זענט איהר אמאל נישט קראנק געווען, צי זענט איהר איצט נישט קראנק...

— ניין, איך בין קיינמאל נישט געווען משוגע, און ביז אויך איצט נישט משוגע, האט ריטא געענטפערט, פערשטעהענדיג וואס דער פאליציי־שעף האט אין זינען געהאט.

— אויב אזוי, וואס זענען געווען די סיבות, פאר וועלכע איהר האט געוואלט מארדען א פאליציי־בעאמטען, בעת ער האט אייך קיינמאל נאך נישט פאר ד' יאויג.. געזעהען אויך איהר האט איהם דאס ערשטע מאל געזעהען ער האט אייך קיינמאל קיין שום שלעכטס נישט געטון.

— איך פערשטעה דאס אלץ זעהר גוט הער פאליציי־שעף, איך האב געוואלט מארדען צוליב גאנץ אנדערע סיבות.

— ווילט איהר אונז די דאזיגע סיבות אנווייזען?

— זיכער, איך בין אנגעפאלען אויף דעם אומבעקאנטען און אומשולדיגען פאליציי־מאן נאר דערפאר, ווייל ער האט די מאכט.

— איך פערשטעה גארנישט, דריקט אייך אויס קלאהר, קורץ און דייטליך.

— דערפאר ,ווייל ער האט געהאט די מאכט מיך צו ארעסטירען.

— דאס הייסט, אז איהר האט געוואלט ארעסטירט ווערען ?

— יא, אזוי איז עס, איך האב געמוזט ארעסטירט ווערען ,איך האב געמוזט אריינפאלען אין אימיצענס זיכערע האנד, כדי נישט צו זיין קיין פערלוירענע אויף אייביג. כדי נישט צו ווערען קיין אויסגעלאסענע פרוי ,קיין פרוי פון אנ'עפענטליך הויז, כדי אפצוראטעווען צעהן מיינע חברטעס וועלכע זענען געפאהרען מיט מיר צוזאמען און זענען געווען אין דערזעלבער לאגע וואס איך.

דער פאליציי־שעף האט ברייט געעפענט די אויגען, ער האט זיך אנגעשטרענגט כדי נישט דאפען אנצוקומען צום דאלמעטשער און זאל אליין פערשטעהען וואס ריטא זאגט. ער איז שטארק פעראינטערעסירט געווארען אין דער דאזיגער געהיימנישפולער געשיכטע, בעזונדערס דעמאלט ווען ריטא האט גערעדט וועגען דער אויסגעלאסענקייט אין וועלכער מ'האט זי געוואלט אריינשלעפען. אויף דעם פונקט איז ער געווען שטארק עמפינדליך, דער פאליציי־שעף קארצעליא איז געווען בעקאנט אלס איינער פון די ענערגישסטע בעקעמפער פון פרויען־האנדעל אין בוענאס־איירעס. אלס איינער פון די גרעסטע שונאים פון די טמאים. ער האט געהאט מאטיווען דערצו. אלס נקמה דערפאר וואס קארצעליא האט אזוי שטארק בעקעמפט די טמאים, האבען זיי איהם פערנארט זיין איינציגע טאכטער, זיין איינציג קינד, און זי ערגיץ וואו פערשלעפט, זי געמאכט פאר אנ'אויסגעלאסענע פרוי, און א גאנץ יאהר האט געדויערט ביז קארצעליא האט צוריקגעזעהען זיין טאכטער פון דעמאלט אן האט זיך דער פאליציי־שעף צוגעשוואוירען א קאמף אויף לעבען און טויט מיט דער אלפאנסען־באנדע. ער האט פאר דעם דאזיגען קאמף געווידמעט זיין גאנצע פאליצייאישע וויסענשאפט, זיין גאנצע ענערגיע און זיין גאנץ לעבען. איצט ווען ריטא האט אויף אזא אופן דערצעהלט וועגען די סיבות, וואס האבען זי דערפיהרט צו וועלען בעגעהען א מארד, האט זיך קארצעליא, שטארק פעראינטערעסירט מיט דער ערצעהלונג און געהייסען ריטא'ן צו דערצעהלען אלץ פון אנהויב אן. קארצעליא האט איצט אוועקגעלעגט די פעדער, מיט וועלכער ער האט אויף אזא אמת פאליצייאישען אופן פראטאקאלירט די ערקלערונגען, ווא סהאט געגעבען די כלומרשטע מערדער ין.

ריטא האט דערפיהלט די אויפריכטיגקייט פון פאליציי־שעף און אנגעהויבען צו דערצעהלען פון סאמע אנהויב אן, פון דער צייט, ווען זי איז אנגאזשירט געווארען דורך דירעקטאר קראמער, וועלכער האט געווילט אין לאדז און בעשלאסען פאהרען טעאטער אין אמעריקא, צוערשט האט זי אפילו נישט געוואוסט וואוהין זי וועט פאהרען.

(פארטזעצונג קומט).

דאס לאָדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

נייער פאלקסבלאט

פרייטאָג 7 כד מנחם אב תרצ"א

אויגוסט

זון-אויפגאַנג 3.53

זון-אונטערגאַנג 7.27

ליכט-צינדען 7.04

פערשאַרפטער שטרייק פון סעזאָן-אַרבייטער

די סבה איז — אַ נישט-גינסטיגער ענטפער פון פּרעזידענט זשעמיענצקי

(2) דער שטאָט-פּרעזידענט זשעמיענצקי איז, כידוע, געווען אין וואַרשע וועגען רעגירונגס-הילף פאַר די סעזאָן-אַרבייטער.

נעכטען האָט זיך צו איהם געמאָלדען אין מאַגיסטראַט אַ דעלעגאַציע פון שטרייקענדע סעזאָן-אַרבייטער.

אויף דער פראַגע צי זיין נסיעה אין וואַרשאַ האָט געהאַט אַ פּעולה, האָט פּרעזידענט זשעמיענצקי דערקלערט, אַז ער האָט אָפּגעהאַלטען אין וואַרשאַ אַ ריי קאָנפערענצען אין פינאַנץ-מיניסטעריום, און אין אינערן-מיניסטעריום. קיין בעריכט אָבער ווע גען די קאָנפערענצען און וועגען די רעזולטאַטן ווערט ער די שטרייקענדע נישט איבערגעבען, מחמת זיי גופא פערגרעסערן די לאַגע דורכ'ן שטרייקען, און בעשווערען דורך דעם די אַרבייט פון די שטאָט פאַרשטייער ביי דער צענטראַל-מאַכט.

לסוף האָט ער נאָך צוגעגעבען אַז וועגען די רעזולטאַטען פון די וואַרשעווער קאָנפערענצען וועט ער שריפטליך מעלדען די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען נאָך דעם, ווי ער וועט אָפּהאַלטען אַ זיצונג מיט'ן פּרעזידיום פון מאַגיסטראַט.

אַלס ענטפער אויף דער שטעלונג פון פּרעז. זשעמיענצקי, האָט די דעלעגאַציע פון איהר זייט, דערקלערט, אַז זי בעהאַנדעלט די גאַנצע אַחריות פאַר'ן שטרייק אויף זיך; און מחמת זי האָט נישט בעקומען דירעקט אַן ענטפער, וועט זי אויך די געהילפס-אַרבייטער ביי די פּלאַנטאַציעס, קאַנאַליזאַציע און קאָמוניקאַציע אויפפאָדערן צום שטרייק.

עפּידעמיע פון פרויען-מאָרדען

געפּרובט דערהרג'ענען זיין ווייב פאַר פעררראַט

(2) לעצטענס האָט די פּאָליציי-כראָניק צוויי פאַלען, ווען מענער דערמאָרדען זייערע פרויען: די מעשה מיט דער ערמאָרדעטער עלזשביעטאַ יאַנ-יעלסקאַ פון זוביאַרדזער גאַס 7 און אָלגאַ שמיכאַרא פון גדאַנסקאַ 146.

איצט איז אַזאַ מאָרד-פּרוב געשעהען אויף מיקאָלאַיעווסקאַ 28 אין כאָיני.

דער 35 יאָהריגער סטעפאַן ברוזדאַ איז פאַר אַ גנבה אָפּגעזעסען אַ יאָהר צייט אין טורמע, און אַז ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָבען גוטע פריינד צוגעטראָגען, אַז זיין פרוי יוזעפאַ פערראַט איהם מיט אַנדערע מענער.

ער האָט דעריבער אָנגעהויבען צו מאַכען סקאַנ-דאַלען דער ווייב, און נעכטען איז די קריגעריי אַזוי געוואַקסען, אַז ברוזדאַ האָט געכאַפּט אַ האַק און געוואָלט שפּאַלטען איהר דעם קאָפּ.

זי האָט זיך אָבער בעצייטענס אָפּגעווענדעט, און די האַק האָט מיט'ן גאַנצען כוח געטראָפען אין אַקסעל.

דאָך האָט זי געהאַט כוח צו לאָזען זיך לויפען און מאַכען אַ געוואַלד.

שכנים האָבען אָפּגענומען ביים רוצח די האַק און איהם גופא איבערגעגעבען אין די הענד פון דער כאָינער פּאָליציי.

ביים פערהאַלטען איהם, האָט ער אָבער דער-קלעהרט, אַז סיי-ווי וועט ער מאַכען צו איהר אַ סוף.

אַ רייפע גנבים און פּאַסער'ס

סיסטעמאַטיש גע'גנב'עט גאָרן פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור"

(2) נעכטען זענען פאַר'ן לאָדזער קרייז-געריכט געשטאַנען: דער 27-יעהריגער פעליקס גזשעגאָ-זשעווסקי (פון ראָקטשיגער 51), מאַריאַן כאַלוק (ראָקיט... ינער 11). לעאָ הואַידאַס, סטעפאַניאַ יאַנאָווסקאַ, הערש ווידאַווסקי (קיליבקיגאָ 35), משה וואַנדז (ראָקיטשינער 14).

גזשעגאָזשעווסקי, וועלכער איז אַן אַרבייטער אין דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור" ווערט בעשול-דיגט, אַז ער האָט סיסטעמאַטיש גע'גנב'עט אין דער פאַבריק גאָרן, פעקלעכווייז, (פון יאַנואַר 1931 ביז'ן 7. מערץ).

ער האָט עס געטון בשותפות מיט מאַריאַן כאַ-לוקאַ, לעאָן האַידאַס און כאַלוקאַס קאָכאַנקע — סטעפאַניאַ יאַנאָווסקאַ.

דאָס גע'גנב'עטע פלעגען זיי פערקויפען די פאַ-סער'ס: הערש ווידאַווסקי, משה וואַנדז, וועלכער פלעגט דעם גאַרן איבערפערקויפען דעם זאָקען-פאַבריקאַנט יעקב קאַץ.

בסך הכל בעטרעפען די גנבות אַנ'ערך 5 טויזענד זלאָטעס־

עס זענען אַרויסגערופען געוואָרען עטליכע צעהנדליג עדות, און וואַנדז'ן האָבען פערטיידיגט אַזש 3 אַדוואָקאַטען: מאָנטלאַק, קלייבערמאַן און פּיאָטר קאָן.

מודה געווען האָט זיך בלויז גזשעגאָזשעווסקי. די איבעריגע האָבען זיך געפּלאָנטערט אין געבען די תשובות.

נאָך די רעדעס פון פּראָקוראָר און די אַדוואָקאַ-טען האָט דאָס געריכט פערמשפּט: גזשעגאָזשעווסקין אויף 1 יאָהר טורמע, כאַלוק'ן אויף 6 חדשים, האַי-דאַס — 6 חדשים; ווידאַווסקי — 8 חדשים, וואַנדז — 8 חדשים, יאַנאָווסקאַ איז פרייגעשפּראָכען.

טרינקט נור דעם געזונדען אקאטשימער פּאָרטער

טרינקט נור דעם געזונדען

אקאטשימער פּאָרטער

אונטערשטיצונגען פאַר אַרבייטסלאָזע

היינט, פרייטאָג דעם 7 אויגוסט —

PRS

שבת, דעם 8 אויגוסט

TUWZ

די אַרבייטסלאָזע דאַרפען צושטעלען:

1) אַ פּערזענליכען דאָקומענט, אַ פּאַס, אָדער אַנ'אַנדער פּאַפּיר, וואָס בעשטעטיגט די פּערזאָן, 2) אַ לעגיטימאַציע פון פּופּפּ מיט קאָנטראָל-שטעמ-פּלען; 3) אַ פּערזיכערונגס-ביכעל פון'ם אַרבייטס-לאָזען, ווי אויך עווענטועל, פון די משפחה-מיטגלי-דער, וועלכע וואוינען מיט איהם צוזאַמען און פיה-רען איין ווירטשאַפט.

אַ פּליאָזשע אינמיטען גאַס

(2) די גייסטיג-קראַנקע, 16-יאָהריגע דאָראַ זילבערבערג (פון ליפּאָווע גאַס) האָט זיך נעכטען אוועקגעלייגט אינמיטען גאַס, ביי זשעלאָנע 6.

עלעהיי — אַ פּליאַזשע...

„מיושב'דיגע" גאַפּיצס פעהלען דאָך נישט — האָט זיך געמאַכט לעבעדיג...

פּאָליציי האָט אויפגעפּאַדערט די עלטערן פון'ם אומגליקליכען מיידעל, זיי זאָלען אויף איהר אכטונג געבען.

פון געריכט

די טעג איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען אברהם יעקב זילבערינג, פּולנאָצנאַ 14, געוואָרען אָנגעקלאָגט אין פעלשען וועקסלען. דער פּראָקו-ראָר האָט געפאָדערט אַ גרויסע שטראָף דאַגעגען דער פערטיידיגער אַדוו. מאַקסימיליאַן רובין האָט צונישט געמאַכט די בעשולדיגונג און זילבערינג איז געוואָרען בעפרייט.

מחמת דער „מלמד" איז שיכור

איז דאס געריכט אויף איהם מלמד זכות...

(2) דעם 5. מאַי איז אין פּאָלוואַרק גורקי טוראָזשעיאַנקי, הינטער בזשעזשין געקומען אַ גרופּע שילער און שילערינס פון דעם גימנאַזיום „מאַטשיעזש שקאָלנאַ" אין בזשעזשין.

דער איינהאַבער פון דעם פּאָלוואַרק האָט בע-מערקט, אַז די שילער, וואָס מאַכען דעם אויספלוג האַלטען זיך עפּעס ווייט פון זייערע לעהרער, וואָס זענען מיט זיי מיטגעקומען.

האָט ער אַ פרעג געטון: היתכן?

האָט מען איהם געענטפערט, אַז דער לעהרער יאַן הוטקאַ דריקט זיך אויס אין זייער אנוועזענהייט זעהר נישט אַנשטענדיג.

אַז דער איינהאַבער פון פּאָלוואַרק — מאַטשיע-יעווסקי הייסט ער — איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו די לעהרער, האָט ער דערהערט, ווי דער הוטקאַ זידעלט זיך טאַקע אויפ'ן דרייגאָרענדיגען אופן מיט די מיאוס'סטע ווערטער.

הכלל, דער ענין איז נעכטען בעטראַכט געוואָ-רען אין לאָדזער קרייז-געריכט, און מחמת ס'איז דערוויזען געוואָרען, אַז הוטקאַ איז געווען בעת מעשה שכור, און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט איהם, האָט ער בעקומען אַ שטראָף 1 חודש זיצען.

זיך דערטרונקען אַ יונגעל

(2) נעכטען האָבען זיך ביי דער ציגעלניע סטאָקי אין אַ ליים-גרוב אָנגעפיהלט מיט וואַסער, געבאָדען עטליכע יונגלעך.

איינער פון זיי, דער 16-יאָהריגער יאַן טשיע-מיגסקי האָט בעקומען קראַמפּען און איז דערטרונ-קען געוואָרען.

פייערלעשער האָבען איהם אַרויסגענומען אַ טויטען.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאַכט דיזשורירען: י. קאַפּראַוו-סקי, (נאָוואָמיעיסקאַ 15). ס. סטראַוקאָווסקי, (בזשע זשינער 56). מ. ראָזענבלום, (שרודמיעיסקאַ 21). מ. באַרטאַשעווסקי, (פּעטריקאָווער 95). י. קלופּטאַ (קאָנטנאַ 54). ל. טשינסקי, (ראָקטשינער 53).

מעבעל־

פאַבריק פון

L. Salomonowicz

Łódź, Piłsudskiego 66,

tel. 134-25

עמפּפעהלט זיינע בעקאַנטע

לוקסוס־מעבעל

אין גרויסען אויסוואַהל

נייעסטע פאַסאָנען

פון ספּרש. עדעל-האָלץ.

בעמערקונג:

פון 1-טען אויגוסט ה. י. זענען די פּרייזען בעדייטענד רעדוצירט.

קלאַנג-פילם-טעאַטער

„CASINO"

היינט און פאָלג. טעג!

רעוואָלוציע-פילם פון לעבען פון דער אַריסטאָקראַטיע

אַ מאַן-אַליבהאַבער

אין די הויפּט-ראָלן: די רייצענדע Carherine Dale Gwen i Warner Buxter

אויסערן פּראָגראַם: הינטער די קוליסען פון בראָדוויי (קלאַנג-צוגאַבע) ענטהילונג פון הוילמאַנס דענקמאַל אין פּאָזען, ווי אויך לאַנד-אַקטואַליטעטען.

אָנהויב פון די סעאַנסען אין געוו. טעג 6 נאָכמ., שבת 4 נאָכמ, צו פערקלענערטע פּרייזן. זונטאָג — פריהמאָרגען-פאָרשטעלונגען 12 אַ זייגער בייטאָג צו 50 גר. און 1 זל.

זגערזשער 17 לאָדזער פּאָלקס-טעאַטער זגערזשער 17

דירעקציע נ. גאָלדשטיין.

גאַסטראָלען פון די בעוואוסטע אַרטיסטען

בערטאַ זאַסלאַווסקאַ, לעאָן געטליכערמאַן

מיט'ן אָנטייל ש. הערשקאָוויטש און ה. באַלבירסקי

ביי יעדע פאָרשטעלונג שטורמט דאָס פאָלקס-טעאַטער פון אַפּלאָדיסמענטען!

יעדע ניי-אויפגעפיהרטע פּרעמיערע רופט אַרויס ענטציקונג!

היינט, פרייטאָג, ד. 7-טען, 9.30 אָוונט

פּרייזען פון 60 גר. ביז 2 זל. צום לעצטען מאָל

15 נומ' געזאַנג! די פריילעכע שעהנע קאָמישע אָפּערעטע פון טאָמאַשעווסקי

יודעלעס בר-מצוה!

אין 3 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג.

שבת, 4 נאָכמ. צו ביליגע פּרייזען

צום 1-טען מאָל אין פאָלקס-טעאַטער!

וואו זענען מיינע קינדער

אין 4 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ.

פּרעמיערע! שבת, ד. 8-טען, זונטאָג ד. 9-טען, 9 אָוונט — צום ערשטען מאָל אין לאָדז! — פּרעמיערע!

די פּיעסע, וואָס איז געשפּילט געוואָרען אין וואַרשאָ איבער 100 מאָל!

„אַ האַרץ, וואָס בענקט"

אין 4 אַקטען מיט נייע געזאַנג-נומערן און טענץ.

דאָנערשטאָג, דעם 13-טען, 9 אין אָוונט — גרויסע סורפּריז-פאָרשטעלונג

אַלע זיץ-פּלעצער צו 1 זל. ווער ס'קויפט פריהער אַ בילעט בעקומט אַ בעסערן פּלאַץ!

פערזאָרגט זיך בעצייטענס מיט בילעטן! וואָס וועט געשפּילט ווערן? לעזט מאָנטאָג אין אָנאָנס.

עס נעמען אָנטייל די נייע אנגאַזשירטע אַרטיסטען לויט א. ב.: פרויען: בעזמאַן, גאָט-פריד, זאַסלאַווסקאַ; מענער: אַריעל, באַלבירסקי, בראָנשטיין, געטליכערמאַן, גאָטפריד. הערשקאָוויטש, נייהויז, פּאָלאַנסקי. ∴ מוזיק-לייטונג — מ. קאָכאַנאָווסקי, טעכנישע לייטונג — ד. אַריעל, סופלאָר — וו. נייהויז. בילעטען צו בעקומען אין קאַסע

יודיש טעאַטער
אין „פילהאַרמאָניע“
20 נאַרוטאָוויטשאַ 20
דירעקציע:
ד. צעלמייסטער און א. בעזמאַן
אדמ. דיר. יאַן וויינבערג.

לעצטע גאַסטשפּילען
פאַר'ן אָפּפאָהרען קיין וואַרשאַ
היינט פרייטאָג, און מאָרגען, שבת, 9 אַ זייגער אָוונד
ווערט געגעבען צום 10-טען מאָל — דער לעצטער שלאַגער

• נאָר נאָר • געציילטע • טעג! •

צו יעדען בילעט ווערט צוגעגעבען די בילדער און לידער פון „בלינדען פּאַיאַץ“.

„דער בלינדער פּאַיאַץ“
אין 3 אַקטען מיט 20 נומערן געזאַנג און טענץ.

א פרעהליכע רעוויע! שבת נאָך דער פאָרשטעלונג א פרעהליכע רעוויע!

„נאָך הבדלה“

זישע קאַץ	דינה האַלפּערין	מאַקס באָזשיק	מרדכי הילסבערג	ליזע שלאַסבערג
„באָם טשיק“	„שפּאַניאָלקע“	„נישטאָ קיין מזל“	„היידאַ וויאָ!“	„מיין מאַמעס הייזעלע“

זישע קאַץ

דינה האַלפּעריון

יצחק נאָזשיק

מאַקס באָזשיק

חנה פערבער

דוד לואי

בעלאַ באָזשיק

שמחה ראָזען

שבת 4 בייטאָג פון 50 גר. אָן
צום 27 טען מאָל
פון ווייטען סיביר
(סאָניע די אַנאַרכיסטקע)
נאָך דער פאָרשטעלונג — א שבת-רעוויע
„שבת נאָכ'ן טשאָלענט“
אויסגעפיהרט דורך שמחה ראָזען, מרדכי הילסבערג, ליזע שלאַסבערג, חנה פערבער און רעזשיסער יצחק נאָזשיק.

ליזע שלאַסבערג

מ. פישמאַן

רות רעגינע

ב. שוואַרצנשטיין

דינסטאָג, דעם 11-טען אויגוסט בעניפיס
פון דער לירישער מוזיקאַלישער ליבלינגס-אָפּערעטע אין 4 אַקטען
„שיר השירים“
מיט אונזער גלענצענדען אַנסאַמבל אין די הויפּט-ראָלען.
דירינענט ל. זעלמאַן.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער קאַסע פון „פילהאַרמאָניע“

פון האַנדעל'ס-געריכט

דאָס געריכט האָט בעשלאָסען אַרויסצוגעבען דעם באַנקראָטירטען משה צענדער'ן (נאָוואָמיעיסקאַ 27) אַ גלייט-שיין אויף 3 חדשים.

*

ס'איז דערלויבט געוואָרען דער פערוואַלטונג פראַנץ פישער'ס (זשעלאָנאַ 22) באַנקראָט-מאַסע צו פערקויפען די מאַשינען אָהן די בעוועגונגס-אינסטאַלאַציעס און צו פערדינגען דעם לאָקאַל מיט'ן תנאי, אַז ס'זאָל אַדורכגעפיהרט ווערען פרייזוויר-דיג און פאַר מזומן-געלד.

*

דאָס געריכט האָט אויך בעשלאָסען צו פערהאַלטען אין קראַפט דעם באַנקראָט פון יונה אַלטער גאַנץ (מעהל-סקלאַד און בעקעריי אויף ריבנע 17).

פאַבריק-מייסטער'ס קעמפען
געגען עובר זיין אויפ'ן געזעץ וועגען 8 שעה אַרבייט

(2) אויף דער לעצטער פערזאַמלונג פון דעם פּראָפּעס. פעראיין פון די פאַבריקס-מייסטערס איז אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס צו קעמפען געגען דעם בעשעפטיגען זייערע מיטגלידער העכער, ווי אַכט שעה אין מעת לעת, און אין אַלע פאַלען פון עובר זיין אויפ'ן געזעץ וועגען 8-שעה'דיגען אַרבייטס-טאָג, מעלדען תיכף דעם אַרבייטס-אינספּעקטאָראַט.

חוץ דעם איז בעשלאָסען געוואָרען צו מודיע זיין די געהעריגע מאַכט וועגען יעדען פאַל, וואָס אַ פירמע וועט בעשעפטיגען מייסטערס אויסלענדער, כדי אויף זייערע פּאָסטענס זאָלען גענומען ווערען אַרבייטסלאָזע לאָדזער מייסטערס.

ס'האָגעלט מיט... דעזערטירען

(2) יוזעף קאַבריאַנען פון קראָשניק גייט עס נישט אין לעבען: 3 מאָל האָט ער דעזערטירט פון מיליטער, שוין געוועזן אין דייטשלאַנד אויך, און אַזוי-ווי ער האָט זיך נישט געקאָנט דאָרט צו עפּיס דערשלאָגען, איז ער צוריקגעקומען קיין פּוילען.

גייט ער נעכטען סתם אַזוי אויף באַטאַרעגאַ גאַס, אויף ווידזעוו, און דערזעהט פּלוצים אָנקומען אַ זשאַנדאַרמען-פּאַטרול.

וואָס זשע טוט ער? ער טראַכט נישט קיין סך און קלעטערט אַרויף אויף אַ בוים...

גייט עס איהם אָבער ,ווי געזאָגט מיט דער פּוטער אַראָפּ, און ווי די זשאַנדאַרמען דערזעהן טערען זיך, ברעכט זיך אונטער איהם דער צווייג, אויף וועלכען ער זיצט, און ער „האָגעלט“ זיי ממש אַרונטער אויף די קעפּ.

איהר פערשטייט דאָך, וואָס ווייטער איז געווען.

*

(2) אהרן באָרנשטיין איז נעכטען געמשפּט געוואָרען פאַר דעזערציע. (אויף פיר חדשים איז ער אַוועק פון זיין פּולק אין קאַליש).

ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז שולדיג, נאָר ער האָט זיך געוואָלט זעהן מיט זיין משפּחה.

מחמת אַמנעסטיע האָט ער געקראָגען בלויז אַ חודש טורמע.

בלוטיגער אנפאַל אין גאַס

(א) דער שניידער נחמן ריזענזאַפט פון לאַגעווניצקאַ 15, איז אַדורכגעגאַנגען אויף דרעזעלבער גאַס, בעפאַלען געוואָרען פון עפּיס אַ פערשוין, וועלכער האָט איהם מיט אַן אייזערנער כלי געשפּאָלטען דעם קאָפּ און צוהאַקט די הענד.

פּאָגאָטאָוויע האָט איהם ערטיילט די ערשטע הילף.

פּאָליציי זוכט דעם אָנפאַלער.

עס שטרייקען 1000 זאָקען-אַרבייטער
און 6,500 שטריקעריי-אַרבייטער אין לאָדז

(א) נעכטען האָבען פערשטרייקט אַנ'ערך טויזענד זאָקען-אַרבייטער אין קליינע זאָקע-פאַבריקען און ביי כאַלופּניקעס, מחמת עס זענען זיי געריסען געוואָרען די לויבען אויף אַנ'ערך 20—30 פּראָצ. דער שטרייק האַלט זיך ביים פערברייטערען.

נעכטען האָבען אויך געוואָרפען די אַרבייט אַנ'ערך 6,500 שטריקער-אַרבייטער אין 37 קלענערע און גרעסערע פאַבריקען. דאָ האַנדעלט זיך עס וועגען דער רעדוקציע פון פופצעהן פּראָצענט לויבען.

ווער ווייסט?

זונטאָג דעם 2 אויגוסט איז אַוועקגעגאַנגען פון דער היים מיכאל-יצחק הוזע און איז מעהר נישט צוריקגעקומען. ער איז מיטעלער וואוקס, שציפּלע, בראָנעט, גייסטיג-קראַנק 31 יאָהר אַלט. ווער עס ווייס פון איהם, ביטע צו וויסען געבען אויף דער אַדרעס Brzeziny - Lódzkie Warszawska 5, Mojsze Huze.

רעוויו-טעאַטער „JEDEN ZŁOTY“
אויף שרודמיעסקאַ 17 (Ogród Scala)
היינט און טעגליך! גרויסע שלאַגער-רעוויו אין 2 טיילען און 18 בילדער א. נ.
„אַלעס איז גוט, וואָס איז גוט“
מיט'ן אָנטייל פון ניי-אַנגאַזשירטע קרעפטען מיט E. REDEN אין דער שפּיץ.
טעגליך 2 פאָרשטעלונגען 8 און 10 אַ זייגער. שבת און זונטאָג צו 3 פאָרשטעלונגען 6, 8 און 10 אָוונד.

מאָגען-שמערצען
מאָגען - דרוק, פערשטאָפּונג, שלעכטער טוגנד געשמאַק, שלעכטע פערדייאונג, קאָפּ-וועהטאָג, בעלעגטע צינג, בלאַסע געזיכטס-פאַרב, ווערען שנעל דורכ'ן געברויך פון נאַטירליכען ביטער-וואַסער
Franciszka Józefa
בעזייטיגט. צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און סקלאַדען.

„200,000"

(דאָס גרויסע געווינס)

אַ פאָלקס־שפּיל אין 4 אקטען פון שלום עליכם

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס אילוזאָרישע גליק פון שלום עליכם'ס קאָמעדיע: פון דעם „אוצר", וואָס אַ שטעטעל יודען זוכט מיט ליכט אויפ'ן בית עולם, און פון די „200,000" וועלכע זענען געוואונען געוואָרען, און פון וועלכע ס'איז געוואָרען אַ באַרג אַש...

אין ערשטען פאַל ווערט די מענשליכע קאָמעדיע פינאַליזירט אויפ'ן בית־עולם.

אין צווייטען פאַל — קריכט אַראָפּ די פרעמדע אומבעקוועמע „פּיסטאָקראַטישע" פעל פונ'ם „עמך" שער און איידען "און דאָס צעזונגענע שניידערל, שימעלע ווערט צוריק פאָלקס־מענש, מיט דעם גרויסען קוואַל פון גוטען חנ'עוודיגען הומאָר און אייזעלער האַרציגקייט.

טאַקי ריכטיג: אדם יסודו מעפר, וסופו לעפר אָבער ביני לביני מאַכען אַ שנעפּסעל — דאָס שאַדט נישט!

*

זענען דווקא מיר, וואָס מיר נויטיגע זיך אַזוי־רעם בייזען לעבען אויף צו'להכעיס — אין געזונדער פרייד פון אַ לעבעדיגער קאָמעדיע, זענען מיר דווקא — אויך אויף צו'להכעיס מסתמא — פערמשפּט אויף אַזאַ מין מעלאָדראַמאַ, וואָס מאַכט ווילדע פּאַגראָמען אויף יודישען געמיט און געשמאַק דורכ'ן אַרויסרופען טרעהרען — (אַ קונץ אַרויסרופען טרעהרען, אַז איטליך וואָרט איז, ווי מיט אַ דראָנג געגעבען איבער'ן קאָפּ!) — און דורך אַרויסרופען פערדיש־היריזשענדיגען געלעכטער — (אַ קונץ אַרויסצורופען אַזאַ געלעכטער, ווען דער, וואָס שפּילט „קאָמישנע" פערליערט די פלודערען, מיט'ן שכל, מיט'ן כבוד, מיט'ן הכל־בכל־מכל־פּלעקעל, און ווען זיין עיפּושדיגער וויץ קיצעלט ווי אַ יובענדליכע מכה אונטער דער פּאַכווע!...)

*

איז אָבער אַ גליק, וואָס ל"ו צדיקים זענען ביכולת נישט לאָזען אונטער־גיין אַ גרויסע זינדיגע וועלט —

און וואָס אַזאַ מין ווייך־און געזאַנג אַדורכגעאָפּטער יוד, ווי שלום־עליכם איז ביכולת צו לייטערען אונז פון כל הטעאַטראַלישען שמוץ און לייטעראַרישען לאַנגווייל מיט זיין גרויסען פּילבעדייטענדיגען, לאַכענדיגען וואָרט, און אַרויסציהען אונז פון די מרה־שחורה־זומפּען, אין וועלכער מיר גרייזנען בלב ובנפש.

עס גיט אַ בליאַסק אויף דער קלאָהרער געשליפענער טאַלענט פונ'ם דעם גרעסטען אומאיבערגעשטיגענעם פאָלקס־דיכטער אונזערען —

עס טוט אַ שימעריר דאָס גאונות, וואָס גייט אַרום, אָהן פּאָזע, צווישען פאָלק, דעם פּשוט'ען עמך, און —

ליהודים היתה אורה!

* * *

בידוע שטעקט אַ סך נאַרישקייט אין דעם מין חזנות, (הגם דאָס פאָלק האָט גערן דאָס נאַרישקייט, נאָר סע ווייסט, אַז ס'איז שטות) און — אין דעם „לאָמיר איך נאָר אָקאָרשט בעווייזען".

קלאָהרער: ביז איצט האָט מען ביי אונז שימעלע סאָראָקער (דעם הויפּט־העלד פון די 200,000) געשפּילט 1) חזניש, ד. ה. נישט דאָס שניידערל איז געשפּילט געוואָרען, נאָר עפּיס אַ חזן מיט אַ ביי־קולעכל פון יודישען טעאַטער אַרויסגעצויבערט, וואָס האָט זיך געציקעלט, ווי אַ הונגעריגע קאַץ, און געציקעלט די שוואַכקייטען פונ'ם יודישען טעאַטער מיט „אנקת מתלדך־לעך", און — 2) האָט מען געשפּילט שימעלע סאָראָקער, ווי אַ... רבונו של עולם — נישט־מעהר און נישט־בישט־ווענינער! — „אַנוקאַ, לאָזט מיר נאָר אָקאָרשט צו, וועל איך אייך בעווייזען אַז אַלץ בין איך; איך שימעלע סאָראָקער, איך בין דער אַקס פון דער וועלט, און ווייטער — האָב איך אַלעמען אין דר־ערד האָב איך...

דער סטאַר אין דער נאַטור האָט געשטערט שימעלען אויף שריט און טריט צו זיין דאָס, וואָס ער איז, לויט דעם גורל פון דער יודישער ווירקליכקייט —

דאָס צוגעלאָזטקייט, די אַבסאָלוטע פּשטות, די זינגענדיגע האַרציגקייט.

די קאָנצעפּציע און רעזשי איןביידע פאַלען איז געווען די וואולגאַר־טראַפּאַרעטע: די אויפגעפּלוישטע פלאַכקייט, געשפּילט אין דער פלאַך פון איינפלאַכיגקייט.

* * *

יעקב ראָטבוים דער בויער פון דער כאָרשטעלונג, דער מענש מיט דעם היינט־צייטיגען און רייף־צייטיגען צוגאַנג צו סצענישער אַרכיטעקטאָניק, האָט, קודם כל, רעוואָלטירט געגען דער איינפלאַכיגקייט, דער לפנים'דיגער און אינערליכער, האָט איבערגעריסען די פערזשאַווערטע בריקען פון אונזער איצטיגער טעאַטראַליע, אויף וועלכע דער אַקטיאָר האָט זיך מורא אַ ריהר צו טון, און מאַכען אַ טריט פאָראויס, (די שרעק איז א בעגריבדעטע, ווייל עס גייט אונטער...) און ער האָט קאָנסטרואירט — אויף ברייט און — ווייט און הויך — אַ פאָרשטעלונג, וואָס פערכאַפּט מיט איהר פרישקייט, מיט איהר נייקייט, מיט איהר אַבסאָלוטער טעאַטראַלישקייט אַלע חושים פון דעם שפּילער און מיטשפּילער (עולם).

אַזאַ עסענציאָנעלע פאָרשטעלונג האָבען מיר דאָ, אין פּוילען נאָך נישט געזעהן. אַזאַ קאָנדענסירטע און דיסציפּלינירטע, אַזאַ באַרעכענטע, (און ביי אונז, ווייסט איהר דאָך, ווערט אַלץ געבויט אומבערעכענט, אַזוי אַז שטענדיג איז עפּיס נישט דערצויגען!) אַזאַ בונטע, אזא פריידיג יוגענדליכע, אַז — ס'איז אַ מחיה צו זעהן און צו הערען.

ס'איז אַ פערגעניגען צו קאָנסטאַטירען, אַז מיט „200,000" פון שלום עליכם האָט יעקב ראָטבוים מהנה געווען די „ווילנער טרופּע" און דעם יודישען טעאַטער־עולם מיט אַ גרויסען טעאַטראַלישען געווינס.

* * *

אַז איך ווייס נישט, וועלכע מיזאַנסצענע איז בעסער!

ביי אַנדערע אויפפיהרונגען, ובפרט ביי אַזעלכע וואו אַ 2—3 מיזאַנסצענען אין אַ גאַנצער פּיעסע שווימען, ווי די 2—3 מאָגערע לאָקשען אין אַ פּוסטען וואַטעודיגען יוך, איז אַזעלכע געלונגענע מיזאַנסצענעס אוודאי לייכטער אויסצוטיילען.

אוודאי איז ביי אַ פּליכטוואַטען (ווען ער איז אַפילו אַ ביסמאַרק, אַנ„אייזערנער קאַנצלער") לייכטער צו איבערציילען די האָהר.

דער חוק ולא יעבור פון אונזער קונסט איז סען.

איצט, אַז — אומעטום טאָר זיך נישט רייד אַז — די גלייכגעוויכט מוז דער־האַלטען און אויסגעהאַלטען ווער־ען אין יעדען פונקט און פלאַן פון דער קאָמפּאָזיציע, פון בילד.

דער כוח פון בעוואוסטזיניגער פאַקטור.

די קראַפט פון קלוגער, נישט "דעמאַגאָגישער זאַכליכקייט!

אָט צו דער גאַנצקייט העלפט אין אַ גרויסער מאָס צו דער מענערישער, ערדישער בינען־בוי פון אַנדזשעי פּראָנאַשקאַ. דער גע־אײדעלטער פאָלקס־טאָן פון הענעך קאָנ'ס נגינה, און די מאַלעריש־פּלאַסטישע, דינאַמיש־אויפּ־ברויזענדע, טעמפעראַמענטפולע גרופּירונגען פון לאה'לע ראָטבוים.

אַקטיאָרען:

שמחה נאַטאַנ'ס „שימעלע סאָראָקער" איז שוין מיט דעם אַליין גוט, וואָס ער רייסט זיך נישט אַרויס פון דער אַלגעמיינער ראַהם, און דער דיאַלאָג ביי איהם מיט עטי־מעני'ן (העלענע גאָט־ליב — אויסגעצייכענט אין געשטאַלט פון ערנעסטינא יעפּימאָוונא) פליסט מיט דער נאַטירליכקייט פון שלום־עליכם'ס וואָרט. אַ בעזונדערס אָנגענעמע איבעראַשונג איז די עכטע דראַמאַטישע אַקצענטירונג אין פינאַל פון דריטען אַקט.

אסתר גאָלדענבערג (איןביילקע) האָט געמאַכט קאָלאָסאַלען פאָרטשריט, און זי האָט אַלע קוואַליפיקאַציעס צו ווערען די אויסגעשפּראָכענע, אינטעליגענטע קאָמעדיע־אַקטריסע. אין דער ראָליע פון ביילקע ריהרט זי ממש מיט איהר פיין־אָנגעגריפענעם וואָהרען טאָן.

אַ בעזונדערען לויב פערדינט ראָטבוים מיט זיין פערפאַסירען די ראָלען פון די צוויי שניידער־געזעלען: דאָ האָבען זיך גרשון לעמבערגער (א בפירוש־טאַלאַנטירט פנים הדשות אויף דער יודישער ביהנע) און מ. פּאָטאָשינסקי, (דער דאָזיגער יונגער אַקטיאָר איז שוין אונזערער אַנאַלטער בעקאַנטער פון דעם יודישען רעווי). אין דער געשטאַלטיגונג פון „מאָטעל און קאָפּעל" אַרויס געוויזען פון זייער בעסטער זייט — דער ערשטער, אין זיין לידישער, אויפריכטיגער און צוגלייך טעמפעראַמענטפולער עקספּרעסיע, און דער צווייטער — אין זיין גראָטעסקער, אָבער איידעלער צייכענונג.

וועגען שמואל לאַנדוי (סאָלאָווייטשיק) איז מיר בכלל שווער צו רעדען: אַז דער דאָזיגער יוד געפעלט מיר, און וואָס ער זאָל נישט מאַכען אויף דער ביהנע! צו וואָס פאַראַ ראָליע ער זאָל זיך נישט נעהמען, איז דאָ — פולבלוט, פערזענליכקייט, און מאָס. לויט מיין מיינונג געהערט ער צו דעם מין געציילטע אַקטיאָרען, וואָס האָבען פאַר דער ראָליע, וואָס זיי געשטאַלטיגען — סיי בעוואוסט־זיניג, סיי אונטער'ן בעוואוסטזיין! — אַבסאָלוטען געהער, אַבסאָלוטע ראיה, און ועל כולם — אַבסאָלוטען געשמאַק. דער מענש איז אַזוי עלאַסטיש, אַז ער פּאַסט זיך אַריין אין יעדען לאָגישען און פּסיכאָלאָגישען שטח, און אויף איהם איז אַלץ, ווי אָנגעמאָסטען: מעג ער טראָגען אַנ'אָפּגעשאָטענעם טיזליק, מעג ער אַרומשפּאַצירען אין אַ שעקספּירישען קאָסטיום, אָדער (וואָס ס'איז צום שווערסטען צום אומדערטראָגליכסטען ביי אַ יודישען אַקטיאָר) טראָגען אַ — פראַק.

אַ שלל פון הומאָר און כאַראַקטער ברענגט אויך אַרויס די פיינע כאַראַקטער־שוישפּילערין נעמי באַטאַן (אין פערל די מיטנישקע) און גראָטען איז ש. בליאַכער אין קאַלטונען און הימעלפאַרב'ן.

דאָס זעלבע אין דער היבזיכט פון בעוועגונג קאָן אויך געזאָגט ווערען וועגען נחום מעלניק און ווידעצקי (וויגדאָרטשוק, רובינטשוק), דגים (סאָלאָמאָנטשיק) קאַץ (מענדעל לאָקיי און גאָלדענטאַלער), דבורה ראָזענבלום (יוכבד די מויד), און לעווענשטיין (אָסקאַר פיי און דער גבאי).

מ. ב.

מאַקסים גאָרקי וועגען אַנטיסעמיטיזם

(ענדע פון דער 6. זייט).

וועט, למשל, נישט קאָנען אָנשרייבען אַזאַ אומזין: „די יודען זענען אַ דעגענערירטע ראַסע, אַלע פּראָוואָקאַטאָרען זענען יודען, די מאַנאַרכיסטישע צייטונג „רול" איז אַ יודישע. די מענשעוויקעס זענען אויך יודען. וואָס־זשע מיינט דאָס? שרייבט אַנ'ענטפער אויף אָט דער פראַגע אין דער „איזוועסטיאַ".

אַנ'אויפגעקלערטער אַרבייטער, וואָס קען די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, קאָן נישט פערגעסען אַזוינע רוסישע פּערזענער און פּראָוואָקאַטאָרען, ווי אַקלאַדסקי, מערקילאָוו, דעגאַיעוו, זובאַטאָוו, טאַטאַראָוו און צעהנדליגער אַנדערע ביז דעם באָלשעוויק מאַלינאָווסקי. אַנ'אויפגעקלערטער אַרבייטער וואָלט געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַנ'אינטערנאַציאָנאַלע ראַסע אויסוואורפען, וואָס אין איהר געהען צווישען אַנדערע אַריין, סיי די מיטאַרבייטער פון „רול", סיי די מענשעוויקעס, באַנקירען זענען, פערשטעהט זיך, נאָך עפּעס ערגער'ס ווי אויסוואורפען, אָבער צווישען די באַנקירען איז נישטאָ קיין „גוי אָדער יוד" — זיי זענען בלויז רויבער און דאָס גאָר. סוף־כל־סוף אויב די סלאַווישע, די דייטשע און אַנדערע ראַסען מעגען האָבען צווישען זיך אַ היבשע צאָהל שעדליכע אָדער נישטיגע מענשען, איז עס נאַטירליך, אַז צווישען די קינדער פון ישראל זאָל זיך אויך געפינען אַ געוויסע צאָהל גייסטיגע קריפּלען.

צום שלוס וויל איך זאָגען, אַז אין דעם סאָוויעטען־לאַנד, וואו עס ווערט בעשאַפען דער פונדאַמענט פאַר דער ברידערליכקייט פון די פעלקער, טאָר דער מיאוס'ער פלעק פון אַנטיסעמיטיזם קיין פּלאַץ נישט האָבען, און בעזונדערס איז פאַר איהם קיין אָרט נישטאָ אין דער ליטעראַטור.

—=:)()(:=—

קענער און פיינשמעקער

טרינקען נור דאָס ערצט־פּילזנער ביר URQUELL B.B.

„Prazdrój Pilzneński" B.B.

ליך עמפּפעהלטע אָריגינעל פערטרעטונג און לאַגער OTTO WIHAN KILINSKIEGO 121

TEL. 180-33

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

רענטגען־אינסטיטוט און ערצליך־דענטיסטישער קאַבינעט

זגערזשער 17, טעל. 116-33

ד"ר גאָלדשטיין־פּאָלאָק אויגען־קראַנקה. פון 1—2

ד"ר וויינבערג אינערן, הערץ און לונגען פון 1—2 און פון 6—7

ד"ר יוססמאַן נערוועןי־קראַנקה. פון 12—2

ד"ר סטופּעל רענטגען פון 12—2 און 4—6

ד"ר פּאַפּיערני פרויען־ און געבורטס־הילף פון $11\frac{1}{2}$—1

ד"ר מאַנטאַר כירורגישע קראַנקה. פון 5—6

ד"ר ראַקאָווסקי נאָז, האַלז און אויערען־קר פון 10—11, 2—3 און פון 6—7

ד"ר ראָזענצווייג קינדער־קראַנקהייטען פון 11—12 און פון 4—5

ד"ר רוזשאַנער הויט־ און געשלעכטס־קר. פון 1—2

נ. ראַזעס צאָהן־ערצט פון 9—1

א. גראָדזענטשיק צאָהן־ארצט פון 3—7

צאָהן־טוגרהיילונג, פּלאָמבירונגען, קאָראָנקען, מאָסטען א.א.וו. ביי דער לעטשניצע איז נעעפענט געוואָרען אַ רענטגען־אינסטיטוט. — היילונג פון הויט־קראַנקהייטען פון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגען־שטראַלען, פאַר בעשטראַלונג און דורכלייכטונג, קווארץ־לאַמפּען, דיאַטערמיע, עלעקטריזאַציע

אַלע מעגליכע אַנאַליזען.

אימפּונגען נעגען שאַרלאַך (שקאַרלאַטין).

די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג.

וויזיטען איז שטאָט.

כ'זוך אַ צימער מיט אַ בעזונדערן איינגאַנג ביז'ן 2-טען שטאָק הויך אַלס סובלאָקאַטאָר. שריפטליכע אָפערטען אין אַדמיניסטראַציע פון „נ. פאָלקסבלאַט" אונטער A. G. 4826

אַ פראָנט־צימער מיט בעלייכטונג מיט מעבעל אָדער אָהן מעבעל פון זאָפאָרט צו פערמיטען צו ערפאַהרען זאַוואַדזקאַ 34 וו. 5.

אַנ'איינגעפיהרטער קויהלען־פּלאַץ אויך אייזען און פּלאַטען צוזאַמען מיט אַ וואוינונג איז פרייוויליג איבערצוגעבען. צו ערפאַהרען קאַראָלעווסקאַ 5.

איך זוך אַ שותפה צו דאַמסקע מאַגאַזין־אַרבייט ערשטע סאָרט. עס קען זיך אויך מעלדען אַ רוטינירטער ווערקויפערין צו ערפאַהרען אין אַדמינ.

ס'איז פערלוירען געוואָרען אַ טראַמוואַי־בילעט אויפ'ן נאָמען פון ישראל הויפּטמאַן אַרויסגעגעבען דורך דער ביוראָ וואַגאָן־ליטס, לאָדז, פּיעטרקאָווער 64 נומער 1613. דער בילעט ווערט ערקלערט פאַר אומגילטיג. אָפּצוגעבען געגען בעלוינונג צו הויפּטמאַן ליפּאָווע 9.

ס'ווערען געזוכט: אַ קוואַליפיצירטער אַרבייטער אויף אַ Pe-De האַנד - מאַשין, פּריליינס צו קעטלען און אויספּערטיגען סוועטערס. אַ חוץ דעם איז צו פערקויפען אַנ'אַבערלאַק אין בעסטען צושטאַנד. אייבושיץ, פּאָמאָרסקאַ 25. 1978

אַנ'אויסוואהל פון פערשידענע פאַרבאַט שייטלען ערשטקלאַסיג בעשטעלטע שייטלען מיט פּאַריזער שרינדען, ווי אויך אַנרואַציע צו ביליגע פּרייזען צו בעקומען ביי פראַניאַ גאָמהיינער זגערזשער 16, אין הויף, רעכטע אָפיצינע, פּאַרטער

ס'ווערט געזוכט אַ אַנגעשטעלטער אין עלטער פון 17—20 יאָר אין גאַלאַנטעריע - בראַנזשע זאָל אויך קענען שרייבען. פאָרצוג האָבען בעקאַנטע אין דער סוועטער־בראַנזשע. צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטראַציע אונטער ליטערע „I.Sz."

טאַפּעציר־געזעלען און מאַלער־געזעלען קענען זיך מעלדען נאַרוטאָוויטשאַ 36, ביי שוואַרצאָווסקי

ס'ווערט געזוכט אַ מעדל צו נייהען אָבער־העמדער און מענער־וועש דרעוונאָווסקאַ 16 ביי ראָטמאַן

אַ שוסטער־געזעלען צו בעשטעלטע אַרבייט ווערט פון זאָפאָרט געברויכט. צו ערפאַהרען ביי רייך, וואָלבאָרסקאַ 34.

השבת אבדה. ס'איז פערלוירען געוואָרען אַ טראַמוואַי־ביכעל פון לאָדז—קאָנסטאַנטינער אויפ'ן נאָמען אלתר גרונדמאַן. דער ערליכער געפינער ווערט געבעטען געגען בעלוינונג אָפּצוגעבען אין צוקערגעשעפט פון ח. ווייסליב אַלטער מאַרק 1

Zaginiony został kwit kaucyjny Elektrowni Łódzkiej na im. Icka Gotliba Łódź, 11 listopada 56. — Kwit zostaje unieważniony.

אַ קוואַליפיצירטע פּערקיפּערין אין דער שיך־בראַנזשע ווערט פון זאָפאָרט געזוכט ביי ראַדזאַנאָווער נאָוואָמיעסקאַ 7.

אוועקצוגעבען אַ האַלב געוועלב אַלטער מאַרק נומער 2, אין שניידער - צודאַטען.

שייטלען מיט פּאַריזער שרינדען ווי אויך פּערמיגע שייטלען ווערען ערשטקלאַסיג און רעעל אויסגעאַרבייט צו ביליגע פּרייזען ביי קערש, סקווערצאָווא 15 לינקע אָפיצינע, 1-שטער שטאָק.

Dr. med. NIEWIAŻSKI ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט־קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער־שוואַכע אנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40 נעמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו. זונטאַג און יום־טוב פון 9—1 פאַרמ. בעזונדערער וואַרטע־זאַל פאַר פרויען.

Dr. Różaner צוריקגעקעהרט.

DR. MED. Haltrecht ספּעצ.־ערצט פאַר הויט און געשלעכטס־קראַנקה. נעמט אָן פון 6 ביז 8.30 אָוו זונטאַג פון 9 ביז 12 בייטאָג. פּיעטריקאָווער 10 פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע פּרייזען.

נויטיג קוואַליפיצירטע האַנד־נייערינס אַ פרעסער און אַ לערן־יונגעל צו מעלדען זיך קילינסקי 21 ווייצענפעלד.

פּאַרצעלאַציע

פון 50 גראָשען פאַר א קוואַדראַט מעטער

זומערוואוינונג-געגענד, געפינט זיך ביים סאַמע לוטאָמירסק, וואָס איז באַקאַנט פון לאַנג די איינוואוינער פון לאָדז מיט איהרע געזונדהייטס-מעלות: טרוקענקייט און זאַמדיגקייט, וואָס ווערט עמפּפעהלט דורך א סך דאָקטוירים. פּאָסט, טעלעגראַף, מעלעפאָן, 2 דאָקטוירים, אַפּטייק, קראַנקען-קאַסע אויפן אָרט. צופאָהר מיטן טראַמוואַי ביז סאַמע לוטאָמירסק אַלע ½ שעה

לוטאָמיערסק פאָלוואַרק

MIASTO LAS „LUTOMIERSK-LESZKÓW" i LUTOMIERSK-DANUSIN

צו ערפאַהרן אין לוטאָמיערסק אויף דאָמבּראָווסקי 4 טעל. 4, טעגליך אין די שעהן פון 16-19 און אין מיטוואָך אין לאָדז
Skład broni p. M. NAZDROWICZA
ulica Zawadzka 1, Telefon 115-21 אין די שעהן פון 16–18

קלאַנג-קינאָ-טעאַטער

LUNA

אָנהויב פון די סעאַנסען 6 א זייגער נאָכמ. שבת און זונטאָג 12 א זייגער בייטאָג.

היינט ווידערהאָלונג פון דער פּרעמיערע! טריומפאַלער ערפאָלג פון —:— זינגענדע שטערן —:—

„בּוּנטע שמעטערלינגען"

Bessie Love, Charles King

מעלאָדישע ליבעס-שטיק אויסגעפיהרט פון אויסגעצייכענטען ליבעס-פּאָרל. אויסערן פראָגר.: קלאַנג-אַקטואַליטעטען
פרייזען פון די פּלעצער צו 1 זל., 1,50 און 2 זל. .•. שבת און זונטאָג פון 12–3 נאָכמ. 50 גר. און 75 גר. .•. פּרעמיע-קאַרטען צו 1 זל. אויף אַלע פּלעצער.

קלאַנג-קינאָ-טעאַטער

Wodewil

גלובּנאַ 1

צום ערשטען מאָל אין לאָדז! גרויסער פילם א.נ.: דראַמע פון א פרוי, וועלכע ווערט פערשקלאַפט דורך א ברוטאַלען מאַן אין דער הויפּטראָלע:

נאָך חתונה-רייזע

Billie Dove

אויסער'ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבּע

קלאַנג-קינאָ-טעאַטער

Odeon

פּשעיאַזד 2

קינאָ-טעאַטער

BAJKA

רוג בושעווסקער, פראַנטשישקאַנער 31
צופאָהר מיט די טראַמוואַיען 1, 6 און 14.

פערשטאַרקטער סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער ליטונג פון ה' לידאַוער.
אָנהייב 5 נאָכמ. שבת און זונטאָג 1 בייטאָג.
דער זאַל איז קינסטליך געקיהלט.

היינט און פאָלגענדע טעג! ריהרענדע דראַמע פון א שעהנער פרוי, וואָס אָפּפערט פאַר איהר קינד די עהרע, רוהם און די ליבע פון געליבטען א.ז.

„מאַניקאַ'ס זינד" (הייליגע עבירה)

אין די הויפּטראָלען: SANDRA MILAWANOFF i RUDOLF KLEIN ROGGE

אויסערדעם: א הערליכע אמעריקאַנער קאָמעדיע און די נייעסטע פילם-אַקטואַליטעטען.

קינאָ ERA

פריהער פלאַדאַ

זאַווישאַ 22 (באַלוט)

אָנהויב 6 נאָכמ. שבת, זונטאָג און יום-טוב 2 בייטאָג
ספּעציעלע צוגעפּאַסטע מוזיק, אויסגעפיהרט דורך א פערשטאַרקטען סימפאָנ. אָרקעסטער
דער זאַל איז נייעסט מאָדערן ווענטילירט.

היינט און פאָלגענדע טעג! •••••• 2 גרעסטע פילם-שלאַגערען!

1) דער טייוועל פון די מאַרסעלער מלינות

אין די הויפּטראָלען: RUDOLF KLEIN ROGGE i WERA SCHMITTERLOW

2) איז דער נעץ פון הענדלער מיט לעבעדיגע סחורה

מוטערס! טעכטער! אַלע מוזט איהר קומען זעהען דאָס דאָזיגע בילד, כדי זיך צו פערהיטען פון די פרויען-הענדלער.

קינאָ-טעאַטער

PRZEDWIOŚNIE

זשעראָמסקיעגאָ 74/76.
(רוג קאָפּערניקאַ)
צופאָהר מיט די טראַמוואַיען 5, 6, 8, 9, 10.
אָנהויב טעגליך 4 נ"מ. שבת און זונטאָג 2 בייטאָג. לעצטער סעאַנס 10 אַוו.

היינט און פאָלגענדע טעג! —

„POGANIN"

גרויס מייסטערווערק מיט א רעוועלאַציאָנס-אינהאַלט רעזשיזאַציע W. S. Dyke — אין די הויפּטראָלען: RAMON NOVARRO, RENEE ADORE, DOROTHA JANIS

צום בילד וועלען זינגען ה' Wąsowicz (טענאָר) און פרל' Krakowska (סאָפּראַן). .•. אויסער'ן פּראָגראַם: פילם-אַקטואַליטעטען. מוזיק-לייטונג פון ה' א. טשודנאָווסקי. נעכסטער פּראָגראַם: „לאַקאָמאָטיוו 2329" די לעצטע קרעאַציע פון געניאַלען אַקטיאָר, מייסטער פון דער מאַסקע Lon Chaney. הנחה-קופּאָנען צו 75 גר. גילטיג אַלע טאָג חוץ שבת און זונטאָג

קונסט-פאָטאָגראַפישער אַנשטאַלט

„POLONIA"

Łódź, Jerzego № 11.

צופאָהר מיט'ן טראַמוואַי נומער 3.

גרויסער סיורפּריז פאַר'ן ג' פּובליקום!

ווער עס בעשטעלט 6 ברוינע פאָטאָגראַפיעס אָהן אונטערשיד פון דער פּאָזע, א גאַנצע פיגור, ביז צו די קניה און ברוסט איין אָדער 2 פּערזאָן פאַר 3 זל.

בעקומט אַ שפּיגעל מיט זיין פאָטאָגראַפיע אומזיסט!

בעמערקונג: צו די אויפנאַהמען ווערען צוגעגעבען ספּעציעלע קאָסטיומען אומזיסט.

„SANATO"

כירורגיש-וועכנעריז-אַנשטאַלט
אגראַראָווא 10, טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאַס

גינעקאָלאָגיש-וועכנעריז-אָבטיילונג

ד"ר מעד. ש. אייגער, ד"ר מעד. י. בוים, ד"ר מעד. רייטלער-סוריאַנסקאַ ד"ר מעד. וו. אייכנער

פרייז פון א געבורט אין 2-טען קלאַס צוזאַמען מיט פערהיטונגס-מיטלען

200 זל.

אויפזיכט איבערן קינד ד"ר מעד. י. פאַלאַסאַוו
כירורגישע אָפּטיילונג פון ד"ר מעד. מ. קאַנטאָר
עמפּפאַנגס-שעה'ן פון 1 ביז 2 נאָכמיטאָג.
אויגען-אָפּטיילונג פון ד"ר מעד. י. קראַוש
עמפּפאַנגס-שעה'ן פון 11 ביז 12 נאָכמיטאָג.

קלאַנג-קינאָ-טעאַטער

ZACHĘTA

26 זגערזשער 26

היינט און ווייטערע טעג!
דער גרעסטער קלאַנג-מייסטערווערק פון דער איצטיגער צייט!

„דער קעניג פון פּאַריז"

אין די הויפּט-ראָלען: Iwan Petrowicz i Marja Glory

אויסערן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבּע „קינדער-קאַבּאַרעט"

נעכסטער פּראָגראַם: „ATLANTIC"

אָנהויב אין נעוו. טעג 5 נאָכמ. שבת, זונטאָג 3 נאָכמיטאָג.
דער זאַל ווערט מעכאַניש ווענטילירט

ערשטקלאַסיגער פריזיר-סאַלאָן פאַר דאַמען

פון פעליציאַ קאַנטאָר

איז ווידער געעפענט אויף באַלוטאָוויטש 4 (אין טויער)

עמפּפעהלט זיך דער געעהרטער קונדשאַפט מיט אַלערליי פריזיר-אַרבּייטען, ווי: שערען, קעמען, וואַסער-און קאָרביר-אָנדולאַציע, פאַרבען מיט „Henna" און אַנדערע, האָר-טעלעניררען, מאַניקור א. א. וו.

ספּעציאַליסטין פאַר די עלעגאַנטסטע שייטלען לויט די מאָדערנסטע מאָדעלען. ערמעסיגטע פרייזען!

ס'ווערען געברויכט ערשטקלאַסיגע מענער-פאַכלייט אין דאַמען-פריזיר-אַרבּייט.

— ביי דער —

וועכנערין-גינעקאָלאָגישן קליניק נאָווא-טאַרגאָווא 13

איז פון 1-טען אויגוסט אָן ערעפענט געוואָרען

א אַמבּולאַטאָריום

פאַר אָרימע שוואַנגער-פרויען

דאָס אַמבּולאַטאָריום איז טעטיג טעגליך, א חוץ זונטאָג פון 9 – 10 פריה.

וואַנעס

אַלוואַ

— ווי אויך —

קינדער-וואַנעס

בעקומט איהר נור איז דער בלעכעריי-ווערקשטעל

„ZGODA"

לאָדז, צעגעלניאַנאַ 2, טעל. 134-51 (עק פּעטריק.)
בעמ.: וואַנעס ווערען אויך אויסגעבאָרגט אויף זומער-וואוינונגען

אַבּאָנעמענט-פּרייז: אין לאָדז — 5 זל. א חודש מיט אַפּטראָגען א היים; אויף דער פּראָווינץ 6 זל. א חודש אין, אויסלאַנד — 8 זל.
פאַר'ן אינהאַלט און טערמינען פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנטוואָרטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט.

אַנאָנסען-פּרייז: פאַר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ער"ב יו"ט—24 גר. אין דער ווייט 8 שפּאַלטען
אין טעקסט—40 . . . . . 60— . . . 4 .
. . טעקסט—12 . . . . . 18— . . . 8 .
[illegible] 50 פּראָצ. מייערע. צוזאַמ. 100 פּראָצ. מייערע. טעלדונגען—10 גר. א וואָרט

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberbarg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.